פינפצעטער יאהרגאנג
№ 18 — Nakładu pocztowa opłacona ryczałtem. — פרייז 20 גראָשען. — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 1 maja 1936 — ליכט-צינדען 6.39 — פרייטאג פ' אחרי קדושים ט" אייר תרצ"ו

X Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców z ogr. odp. w Częstochowie odbędzie się dnia 3 maja 1936 r. o godz 16-ej w lokalu Stow. Przem. i Kupców, Aleja Wolności 3—5

PORZĄDEK OBRAD:

1) Zagajenie zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3) a. Sprawozdanie Zarządu za rok 1935, b. sprawozdanie Rady Nadzorczej za r. 1935, c. odczytanie bilansu i rachunku strat i zysków za r. 1935, d. odczytanie protokułu Związku Żydowskich Spółdzielni w Polsce, 4. przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 5) Podział zysków za rok 1935. 6) Budżet na rok 1936. 7) Uzupełnienie § 44 statutu Banku. 8) Przelanie sumy Zł. 15.000 figurującej na rachunku kapitału specjalnego na rachunek kapitału zasobowego. 9) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie spółdzielnia może zaciągnąć. 10) oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 11) Wybory: a. jednego członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących, b. 3-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców. Ustępują. z Zarządu p. M. Neufeld, z Rady Nadzorczej: pp. M. Konarski, Dr. J. Schleicher i Dr. H. Tempel.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּ. סוחרים און פאַבּרי־קאַנטען-באַנק מיט בעגר. פער. אין טשענסטאכאווע קומט פאָר דעם 3 מאַי 1936 4 אַ זייגער נאכמיטאג אין לאָקאַל פון דער סוחרים און פאַבר.-פערואיין אלעע וואָל. נאַשטשי 3—5

טאָג=אָרדנונג:

1) ערעפנונג און וואהל פון א פאָרזיצענדען, 2) פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער פוריגער אַלגעמיינער פערזאמלונג. 3) א. בעריכט פון דער פערוואלטונג פאר'ן יאהר 1935. ב. בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט פאר'ן יאהר 1935. ג. פאָרלעזען דעם בילאנס און רעכנונג פון היזקות און ריוח פאר'ן יאהר 1935. ד. פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון פעראיין פון יודישע קאָאָפּעראטיווען אין פוילען. 4) אָננעמען דעם בילאנס און ערטיילען אַבּסאָלוטאָריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראט. 5) צוטיילען דעם ריוח פון יאהר 1935. 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936. 7) ערגענצען דעם פאר. 44 פון סטאטוט פון דער באנק. 8) איבערוויזען די סומע פון 15.000 זל. וואס פיגורירען אויפ'ן רעכנונג פון ספעציעלען קאַפּיטאל אויפ'ן גרונד - קאַפּיטאַל. 9) בעשטימען די גרעסטע פערפליכטונגס-סומע, וואס די באַנק קען אויף זיך נעמען. 10) בעשטימען די גרעניץ פון העכסטען קרעדיט, וואס ס'קען ערטיילט ווערען א מיטגליד. 11) וואהלען: א. פון א פערוואַלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אנשטאט די אַרויסטרעטענדע. ב. 3 מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראט און 3 פערטרעטער. עס טרעטען ארויס: פון דער פערוואלטונג ה' מ. נייפעלד, פון אויפזיכטס-ראט: ה"ה מ. קאָנארסקי, ד"ר י. שלייכער און ד"ר ה. טעמפעל.

פייערלעשער-זאַל. ■ נור 2 אויפטריטען!
פרייטאָג, דעם 1 מאַי און שבת, דעם 2 מאַי 9 אָוונט
דער מייסטער פון ליער און הומאָר, ליבלינג פון ווארשאווער פובליקום
יאסעלע קאלאדני
אין זיין נייעסטען פראָגראַם א. נ. „דאָס בעסטע פון בעסטען"
בעגלייטונג: ל. פינקעל. — בילעטען פון 49 גר. ביז 2 זל. שוין צו בעקומען אין דרוק. פון ה' באַטשאן און אין די טעג פון קאָנצערט פרייטאג פון 7 אָוו. און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע.

Odlewnia „WULKAN"
Sp. z o. o.
w Częstochowie, Tartakowa 31—37. Telefon 13-93. Bocznica własna.
Produkuje: wszelkie odlewy lano-kute i żeliwne pierwszorzędnej jakości w stanie obrobionym i nieobrobionym wg. dostarczonych modeli, szkiców, lub wzorów.
Specjalność: z działu odlewów lano-kutych — części do rowerów, maszyn rolniczych i wyżymaczek.
z działu odlewów żeliwnych — rury kanalizacyjne i kształtki PN. oraz dla celów przemysłowych, o wadze sztuki do 2000 kg.
Codziennie odlew.
Wykonujemy we własnych warsztatach mechanicznych: wiertarki szybkobieżne do napędu mechanicznego stołowe i kolumnowe oraz piły mechaniczne (Kaltsäge).

פייערלעשער-זאַל. נור 1 פאָרשטעלונג!
זונטאָג, ד. 3 מאַי 9 אָוונט
די איינציגע פאָרשטעלונג פון לאָדזער פילהאַרמאָניע-אַנסאַמבל.
ס'ווערט געשפילט דער גרויסער אונשטערבליכער אמעריקאנער וועלט-שלאגער וואס ווערט געשפילט אומעטום מיט'ן גרעסטען ערפאלג
טויט-שטראף
אין 3 אַקטען, 6 בילדער מיט געזאנג פון סידני.
עס נעמען אנטייל) סאָניע בעזמאַן, מרים טופמאן, ראָזענצווייג חנה, מאַלי לודנער, צעשא בוטשינסקא הערש באַלבירסקי, ישראל ביאלקאָוויטש, ישעיהו טופמאן, לעאָן לעווקאָוויטש, יצחק ראָזענבערג שלמה הערשקאָוויטש, ראַבּינאָוויטש אא.
בילעטען פון 54 גר. ביז 1.50 אין דרוק. פון ה' באַטשאן און פון 7 אָוונד אין קאסע

בלב קרוע ומורתח אנו מודיעים אודות האסון הנורא שקרה לנו בהלקח מאתנו עטרת ראשנו ונזר משפחתנו האיש החסיד והנכבד

נ"ע יהודה לייביש פרידריך
ב"ר יעקב ז"ל

הלויתו למנוחת עולמים היתה ביום א' ד' לחודש אייר תרצ"ו (26 אפריל 1936).

לכל אלה שהביעו לנו את השתתפותם בצערנו הגדול הננו מביעים בזה את תודתנו העמוקה

השרויים בצער ויגון קודר

אשתו, בניו, בנותיו, חתניו, כלתיו, נכדיו ומשפחתו.

למשפחת פרידריך

בצערם הגדול לרגלי מות בעלה ואביהם

לייביש פרידריך נ"ע

הננו מביעים את השתתפותנו החמה.

יעקב לעווט ורעיתו.

RODZINIE FRIDRICH
z powodu zgonu Ich Męża i Ojca

b. p. LEJBA FRIDRICHA

składa wyrazy współczucia

ZJEDNOCZONE TOWARZYSTWO HANDLOWE WYROBÓW JUTOWO-LNIANYCH z ogr. odp. W ŁODZI.

Członkowi Zarządu
p Zygmuntowi Fridrichowi i Rodzinie
z powodu śmierci

b. p. OJCA Jego

wyraża współczucie

Zarząd Klubu Szachistów w Częstochowie.

טיעף ערשיטערט צוליעב'ן טויט פון אונזערע לאַנגיעהריגע שכנים

נ"ע לייביש פרידריך
און נ"ע מענדיל שאַרף

דריקען מיר אויס די איבערגעבליבענע פאַמיליעס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

עמנואל הויפטמאַן און פרוי
אבא ווינער און פרוי
ישראל לובלינסקי און פרוי.

מעמקי הלב אנו מביעים את השתתפותנו בצערם של משפחת פרידריך על האסון הגדול שקרה אותם לרגלי מות עליהם אביהם

נ"ע יהודה לייביש

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

זאב שמידט ורעיתו

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na kursy I, II, III, lekcje pojedyńcze (indywidualne) codziennie.
אכטונג: יעדען שבת קומט פאָר פּראַקטישע לעקציע
פריינדלעך געזעלשאַפט. אנהויב 8 אָוו. 1-קלאסיגע מוזיק

Koledze
IZRAELOWI SZARFOWI oraz RODZINIE
z powodu zgonu

b. p. OJCA Jego

wyraża najgłębsze współczucie

Dawid Lewit.

דער וועה-געשריי פון די יודישע מאַרקשטעהער מוז דערהערט ווערען.

ווי די לעזער וועלען זעהען, געפונט זיך אין היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג דער מעמאָריאַל, וואָס די יודישע מאַרקשטעהער אין זאַוואָדזיע האָבען צוגעשיקט דער היגער יודישער קהלה.

אין מעמאָריאַל ווערט איבערגעגעבען דער פאַקטישער מצב, אין וועלכען עס געפונען זיך איבער 300 יודישע פאַמיליעס אין אונזער שטאָדט. מיט איין וואָרט 1500 נפשות זענען פערמשפט צו בעסעל-ברויט, אויב מען וועט נישט באַלד זיי קומען צו הילף.

אייגענטליך, וואָס ווילען זיי, אַט די דאָזיגע פערמשפטע. זיי פערלאַנגען, אַז מען זאָל זיך בעמיהען אויפצושטעלען האַלעס אין צענטער שטאָדט, ווייל לויט די פערהעלטנישען, וואָס הערשען לעצטענס ביי אונז, זענען זיי אויפ'ן זאַוואָדזיער מאַרק פעראורטיילט צו אַ לאַנגזאַמער גסיסה. און נאָך איין קלייניגקייט ווילען זיי — אַז מען זאָל זיי, די מאַרקשטעהער אדער זייערע קינדער צונעמען צו דער אַרבייט אין די יודישע פאַבריקען.

מיר ווילען נישט בעריהרען איצט די פראַגע, ווי אַזוי עס ווערט רייף דער געדאַנק ביי די יודישע סוחרים, וועלכע מען האַלט פאַר קאַפּיטאַליסטען מ'שטיינס געזאָגט, ווען מען מעסט אויס אַזעלכע הויכע שטייערען, אַז די דאָזיגע „בורזשויען" זענען באַדאי מוחל אַלע „גליקען" פון האַנדעל, אַז זיי ווילען געהן בעסער אַרבייטען אין די פאַבריקען צו שווארצע אַרבייט, אַבי צו פערדינען אויף אַ שטיקעל ברויט. מיר ווילען נאָר אָנווייזען אויף דער קאַטאַסטראָפע, וואָס דראָהט אַ גרויסען טייל פון אונזערע ברידער, וועלכע האָבען זיך אַ רייהע מיט יאָהרען פערנומען מיט'ן האַנדעל און איצט זענען זיי עלול מיט איינמאָל צו ווערען אביונים, בעטלער און פאַלען צו לאַסט דער יודישער בעפעלקערונג.

דער מעמאָריאַל, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרען דער יודישער קהלה, איז אַ הארצרייסענדער דאָקומענט פון אונזער איצטיגען לעבען און דער חוב פון דער יודישער קהלה איז אין דעם יעצטיגען אויסערסט שווערען מאָמענט זיי צו הילף צו קומען.

ווי מיר ווערען געוואויר איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיסיע פון די יודישע ראַטמענער, וועלכע דאַרפען זיך מיט'ן ענין מאַרקשטעהער פערנעמען. מיר האַלטען אָבער, אַז די יודישע קהלה, וועלכע איז די העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, מוז זאָגען איהר וואָרט און זיך נישט פערלאָזען אויף קאָמיסיעס, מעגען עס אפילו זיין פון די יודישע ראַטמענער, ווייל די סכנה איז גרויס און הילף מוז קומען באַלד.

דער וועה-געשריי פון די יודישע מאַרק-שטעהער מוז דערהערט ווערען.

ש.

צו דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער סוחרים-און פאַבריקאַנטען-באַנק

זונטאג, דעם 3-טען מאי וועט פאָר-קומען די 10 יעהרליכע פערזאַמלונג פון דער פאַבריקאַנטען און סוחרים-באַנק.

די דאָזיגע פינאַנץ-אינסטיטוציע איז כמעט די איינציגע ביי אונז אין שטאָדט, וועלכע האָט געוואונען די פולע סימפּאַטיע ביי דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג און דאָס אַ דאַנק דער לייטונג פון דער דאָזיגער באַנק, וועלכע שטעהט אויף דער הויך פון איהרע אויפגאַבען און בעזונדער מוז בעטאָנט ווערען, אַז דעם גרעסטען פערדיענסט פאַר דער דאָזינער אינסטיטוציע האָט איהר דירעקטאָר ה' סטאַניסלאַוו פּרושיצקי, וועלכער איז דער ריכטיגער מענש אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ.

דיר. פּרושיצקי איז בעליעבט ביי אַלע קליענטען זאָגאַר ביי די יעניגע, וועלכע קאָנען צוליב פערשטענדליכע סיבות נישט ערלעדיגט ווערען. זיי מוזען אָבער אָנערקענען. אַז דיר. פּרושיצקי האַנדעלט ערליך און געוויסענהאַפט לטובת דער אינסטיטוציע, וואָס איז איהם אָנפערטרויט געוואָרען. דעריבער ווערען די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון דער דאָזיגער באַנק געפיהרט ערנסט און זאַכליך. ווייל אַלע פיהלען, אַז די באַנק איז די אינסטיטוציע, וועלכע ערפילט וויכטיגע אויפגאַבען פאַר דעם יודישען סוחר'טום אין דעם איצטיגען מאָמענט.

צו איהר 10 יעהרליכער אַלגעמיינער פערזאַמלונג ווינשען מיר דער דאָזיגער פינאַנץ-אינסטיטוציע מיט איהר לייטער ה' דירעקטאָר פּרושיצקי ערפאָלג אין דער ווייטערדיגער אַרבייט לטובת דעם יודישען סוחר'טום אין אונזער שטאָדט.

אויף פושערוב...

אין שכנות'דיגען שטעדטיל פושערוב, וואו די יודישע בעפעלקערונג האָט ביז לעצטענס זיך געלעבט רוהיג, אַ דאַנק דעם, וואָס די לופט איז דאָרט נאָך נישט געהאַט פערסמ'ט געוואָרען דורך קיין יודען-פרעסערישע מיקראָבען, איז יעצט געקומען אַנ'ענדערונג אויפ'ן דאָזיגען געביעט. מיט עטליכע וואָכען צוריק איז נאָך פושערוב אָנגעקומען אַ נייער גלח, וועלכער פיהרט אָן צוזאַמען מיט אַנדערע אַנטיסעמיטען, היופּטזעכליך אינהאַבער פון פערשידענע געוועלבען, אַ באָיקאָט-אַקציע און בכלל אַנ'אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. אויף די יריד‍ים געהען אַרום ספּעציעלע אַגיטאַטאָרען, וועלכע לאָזען נישט קויפען ביי קיין יודען, אַזוי, אַז די 170—180 יודישע פאַמיליעס, וואָס וואוינען אין דאָזיגען שטעדטיל געפינען זיך אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע. אויסערדעם קומען אויך פאָר אָנפאַלען אויף איינצעלנע יודען צוליב וואָס, ווי נאָר ס'ווערט טונקעל, פערשליסען. זיך די דאָרטיגע יודען אין זייערע וואוינונגען, מורא האָבענדיג זיך צו בעווייזען אין דרויסען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט אַ דעלעגאַציע פון דער דאָרטיגער יודישער בעפעלקערונג צוזאַמען מיט'ן מיטגליד פון דער היגער קהלה-פערוואַלטונג ה' ווילהעלם זשעריקער אינטערווענירט ביים היגען וויצע-סטאַראָסטע ה' סטאַשקאָ, וועמען זיי האָבען געבעטען צו מאַכען אַ סוף צו דער וויסטער העצע, וואָס ווערט געפיהרט אין פושערוב געגען יודען.

דער וויצע סטאַראָסטע האָט צוגעזאָגט זיך צו פעראינטערעסירען מיט'ן דאָזיגען ענין.

ביי אונז און ביי זיי

נישט נור פשוט צייטונגס לעזער, אויך רעדאַקטאָרען און זשורנאַליסטען פון גרויסע אייראָפּעאישע וועלטבלעטער (שוין אָבגערעדט פון רעדאַקטאָרען פון יודישע בלעטער) מאַכען זיך אין די מיינסטע פאַלען נישט קיין בעגריף, ווי אַזוי עס געהט צו ביי אַ גרויסער צייטונג מיר קענען נישט פערשטעהן, אַז ביי זיי, ביי די גרעסטע בלעטער, איז עס אַ גאַנץ פשוט'ע זאַך צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַ בלאַט וואָס האָט אַ טיראַזש פון צוויי ביז דריי מיליאָן בלעטער אַ טאָג. יעדער איז נישט מעהר ווי אַ רעדעלע אין דער מאַשין, וואָס הויבט זיך אָן אין דער רעדאַקציע און ענדיגט זיך אין דער עקספּעדיציע.

ביי דער הערסט-פּרעסע אין ניו-יאָרק למשל, וואָס בעהערשט פינף און צוואַנציג בלעטער אין דרום-אַמעריקא מיט אַ טיראַזש פון פיער מיליאָן אַ טאָג, אינטערעסירט זיך דער יונגער הערסט (דער שעף) בלויז פאַר'ן פּאָליטישען טייל פון זיינע בלעטער. אַלס אַנדערע פון זיינע צייטונגען אינטערעסירט איהם נישט און ער לעזט עס אפילו נישט.

גאַנץ אַנדערש איז עס ביי דעם גרעסטען בלאַט פון ארבע פנות העולם, ביי דער „סעטערד" „איוונינג-פּאָסט" (שבת-צו-נאַכט'ס-פּאָסט), וואָס געהט אַרויס איינמאָל אין וואָך אין ניו-יאָרק מיט אַ טיראַזש פון אַנ'ערך פיער מיליאָן עקזעמפּלאַרען. דאָס דאָזיגע בלאַט איז אויך דאָס בעסטע אין דער גאַנצער וועלט, איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם ערפינדער פונ'ם בליץ-אַבלייטער בנימין פראַנקלין אין יאָהר 1728, ווערט קאָנטראָלירט פונ'ם פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, וואָס גיט דאָס בלאַט אַרויס, מיסטער דזשאָהן פּאַטריק אינגרעם. ער אַליין קאָנטראָלירט נישט נור יעדעס וואָרט וואָס ווערט דאָרט געדרוקט, נור יעדע קלענסטע מודעה, וואָס ערשיינט דאָרט.

דאָס בלאַט האָט צוויי הונדערט זייטען גרויס פאָרמאַט און קאָסט בלויז פינף סענט אַ נומער. עס ווערען דאָרט געדרוקט אַלע ידיעות איבער פּאָליטיק, קונסט, טעאַטער, ליטעראַטור, קורצע געשיכטען, בעשרייבונגען, בקיצור אַלס וואָס דער לעזער וויל. עס אַרבייטען דאָרט בלויז די בעסטע וועלט שרייבער, וואָס בעקומען פאַר יעדער שורה לכל הפחות אַ דאָלאַר.

דאָס וויכטיגסטע זענען דאָרט אָבער די אינזעראַטען. יעדע זייט קאָסט דאָרט עטליכע טויזענד דאָלאַר און מ'מוז האָבען גרויס פּראָטעקציע, מ'זאָל דאָרט קענען אַריינברענגען אַנ'אינזעראַט.

איך האָב פערבראַכט ערך אַ שעה אין לייפּציג אויפ'ן יריד מיט אַט דעם אינטערעסאַנטסטען זשורנאַליסט אינגרעד, וואָס איז געקומען זיך אַליין איבערצייגען אויב ער מעג ברענגען אינזעראַטען איבער'ן לייפּציגער יריד און איבער עטליכע גרויסע פירמעס. ער האָט מיר געגעבען אינפאָרמאַציעס איבער זיין בלאַט, פון וועלכע מ'קען גאָרנישט וויסען.

דאָס בלאַט נעמט נור אויף די אינזעראַטען ווי באַלד זייערע אייגענע אנשים חשובים זאָגען, אַז די פירמע איז ווערט מ'זאָל זי פּראָפּאַגירען. יעדער מוז בכן עטליכע וואָכען און צומאָל חדשים וואַרטען ביז דאָס בלאַט טהוט איהם אָן דעם כבוד אויפצונעמען זיין אינזעראַט. מ'קען אָבער אויך זיכער זיין, אַז וויבאַלד מ'איז דאָרט געדרוקט, וועט שוין אנגעהן דאָס געשעפט...

דאָס בלאַט האָט אַ דעקיל. אויף דער לעצטער זייט קאָסט אַ אינזעראַט (די גאַנגע זייט) פינף און צוואַנציג טויזענד דאָלאַר. די איבריגע דריי זייטען פון אויבערבלאַט צו צוואַנציג טויזענד דאָלאַר אַ זייט. חדשים לאַנג מוזען גרויסע פירמעס וואַרטען ביז זיי בעקומען די ידיעה פון דער אַדמיניסטראַציע, אַז זייער אינזעראַט וועט זיין געדרוקט און זיי קענען שוין איינצאָהלען די 25 טויזענד דאָלאַר. ס'איז פאַר יעדער פירמע זעהר וויכטיג זי זאָל דאָרט זיין געדרוקט.

יעדער נומער פון דעם בלאַט ברענגט אַריין ערך אַ מיליאָן דאָלאַר פון אינזעראַטען און לעזערס, און בעררייכערט אַזוי די געזעלשאַפט וואָס גיט אַרויס דאָס גרעסטע און בעסטע בלאַט אין דער וועלט.

מיסטער אינגרעם מיינט, אַז דאָס בלאַט איז דערפאַר אַזוי גרויס געוואָרען, ווייל ס'האָט נישט צוגעלאָזט, אַז בלאָפערס און שווינדלערס זאָלען קענען פאַר געלד פּראָפּאַגירען וואָס זיי ווילען נור...

אַזוי איז ביי זיי, און ביי אונז?...

ז. האַבער, וויען.

פריהלינג...

קליינער פעליעטאָן.

צווישען די נאַטור כחות איז פאָרגעקומען אַ שווערער געראַנגעל. דער ווינטער האָט געקעמפט פאַר זיין דערהאַלטונג און בשום אופן נישט צוגעלאָזט דעם פריהלינג צו פערנעמען זיין פּלאַץ. דער פריהלינג אָבער, זעהענדיג אַז זיין צייט איז געקומען, האָט זיך געמישט דאָרט וואו מען דאַרף, אַז מען זאָל איהם צוהעלפען בעקומען די מאַכט.

זעהענדיג דעריבער די בירגער פון דער ערד די לעצטע וואָכען געווען עדות פון דעם שלאַכט, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אויפ'ן מלחמה-פּלאַץ צווישען די צוויי געגנער — ווינטער און פריהלינג. איז דאָך דער ווינטער אַ קאַלטער און האַרטער נפש, האָט ער זיך בענוצט מיט אַלע תכסיסי מלחמה, ווי און ווינטער, רעגענס שנייען און בשום אופן נישט דערלאָזט דעם פריהלינג ערשיינען. סוף כל סוף האָט אָבער דער פריהלינג דאָך געזיעגט און דער ווינטער איז פערשוואונדען פון אויבערפלאַך.

אַזוי ווי אין דער נאַטור, אַזוי אויך ביי די מענשען. אויך צווישען זיי קומט פאָר אַנ'אייביגער געראַנגעל פאַר'ן פריהלינג און ווינטער. די בייזע שטורמדיגע כחות ווילען עס זאָל הערשען אויף דער וועלט ווינטער, ווייל נאָר פון ווינטער, ווען עס זענען זאַווערוכעס, ציהען זיי חיונה פאַר זייער עקזיסטענץ; דאַמאָלס פיהלען זיי זיך אין דער אייגענער הויט, דאַמאָלס טאַנצען זיי זייער ווילדען שדים-טאַנץ. פערהאַנגען זענען אָבער אויך אַזעלכע (לוידער אַ קלענער טייל), וואָס האָבען ליעב דעם פריהלינג, די וואַרימע מילדע זון, די גרינע לאָנקעס, אַ קיהל מחיה'דיג ווינדעל, דעם קלאָרען ריינעם הימעל — די פריינדשאַפט צווישען מענש און מענש, דאָס ברידערליכע צוזאַמענלעבען פון גאָט'ס אַלע בריאים.

אַט אויף דעם געביעט קומט דאָס פאָר דער אייביגער קאַמף, וואָס האָט זיך לעצטענס זעהר פערשטאַרקט און נעמט אָן זעהר שאַרפע פאָרמען, אַזוי אַז עס איז אַ גרויסע סכנה, דאָס אויב די בייזע כחות וועלען חס ושלום מנצח זיין, וועט זיין אייביגער ווינטער, וועט מעהר אויף דער וועלט איבערהויפּט נישט זיין קיין פריהלינג...

אין מערב אייראָפּאַ האָט זיך אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט אַמאָל אַזוי שעהן בעזינגען דעם פריהלינג און זיך געדערכענט צו זיינע גרעסטע אנהענגער, פּלוצים אָנגעהויבען בעקעמפען דעם פריהלינג און וויל צוריקיאָגען די וועלט צו יענער צייט, ווען ס'האָט געהערשט אַ תוהו ובוהו, ווען בייזע ווילדע חיות האָבען דאָמינירט אין לעבען פון דער וועלט. און נישט בלויז ביי זיך האָבען זיי פערטריבען דעם פריהלינג דערמיט, וואָס זיי האָבען אונטערדריקט זיינע אנהענגער און אפילו פערברענט די ביכער, אין וועלכע דער פריהלינג איז בעזונגען געוואָרען, נאָר זיי ווילען, אַז אין דער גאַנצער וועלט, אויך מחוץ זייערע גרעניצען, זאָל הערשען ווינטער. דער פריהלינג שטעכט זיי ממש די אויגען, זיי ווערען בליגד פון זיין העלען שיין, זיי קאָנען נישט פערטראָגען דעם דופטיגען ריח פון דעם שמעקעדיגען פריהלינג. שיקען זיי אַרויס זייערע אַגיטאַטאָרען, צאָהלען מחנות געלד, אַבי צו פערזאָגען דעם פריהלינג, וועלכער הערשט נאָך דאָ אדער דאָרט.

יאָ, מען מוז ליידער פעסטשטעלען, אַז אַט די פיהרער פון דעם אַמאָליגען הערליכען פאָלק, זענען די גרעסטע געגנער פון פריהלינג.

אין ווייטען אַפריקאַ האָט געלעבט אַ פאָלק טויזענדער יאָהרען, אַ פאָלק, וואָס האָט זיך מייחס געווען, אַז זיי קומען אַרויס פון שלמה המלך. זיי האָבען זיך געלעבט רוהיג, אויך ביי זיי איז געווען פריהלינג. זענען אָנגעלאָפען מענשען פון אייראָפּאַ און האָבען מיט דער הילף פון די נייעסטע מעכנישע תכסיסי מלחמה געמאַכט אַ סוף צו זייער פריהלינג.

די נאַאיווע אַביסיניער, גלויבענדיג אַז די פעלקער-ליגע איז די קעמפערין פאַר'ן פריהלינג, האָבען זיי זיך געוואָנדען צו איהר מיט אַ הילפס געשריי: „הארציגע בעל רחמנות'דיגע פעלקער-ליגע! זעה וואָס מען טהוט אונז, מען פערטרייבט ביי אונז דעם פריהלינג". די פעלקער-ליגע אָבער איז פּלוצים טויב געוואָרען און דערהערט נישט דאָס געשריי. און דערווייל פיהרט דער בעל משחית אויס זיין פערדאַרבונגס-אַרבייט און ס'וועט נישט לאַנג דויערען אַז אויך דאָרט, אין ווייטען אַפריקאַ, וועט ביי אַ גרויס אַלט פאָלק אָבגענומען ווערען די מעגליכקייט צו געניסען פון פריהלינג.

זיי האָבען זיך וואָס אַנ'אמת נישט געלאָזט אַזוי לייכט בעזיגען — די דאָזיגע האַלב-ווילדע אַביסיניער. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דער פריהלינג איז שענער, בעסער פאַר'ן ווינטער, און האָבען מיט זייער לעבען פערטיידיגט זייער פריהלינג. דערווייל אָבער האָט דאָרט געזיעגט דער ווינטער און ווער ווייס ווען ס'וועט זיך דאָרט נאָך אַמאָל בעווייזען דער פריהלינג.

דאָס יודישע פאָלק האָט נאָך אַ צייט פון 2 טויזענד יאָהר, וואו ס'לעבט אין אַ כסדר'דיגען ווינטער-קלימאַט, אַדורכמאַכענדיג שטורעמס און רעגענס, ווינטען און קעלטען, בעשלאָסען ענדליך צו געניסען פון פריהלינג, אויפצובויען זיך זייער היים און זייער אַלט ניילאַנד. האָבען די יודען מיט שווייס און בלוט און אונגעהויערער אָפּפערווילינקייט בעזייטיגט דאָס גאַנצע פּסולת, וואָס דער טויזענד יעהריגער ווינטער האָט דאָרט איבערגעלאָזט און אָנגעהויבען איינפיהרען דעם פריהלינג. נישט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען, ווייל דער ווינטער איז אַ בייזער משחית. פאָרט אָבער האָט מען געזעהן בחוש, אַז פון טאָג צו טאָג קומט דער פריהלינג פאַר'ן יודישען פאָלק אויף זיין אייגענער ערד אַלץ נעהנטער און נעהנטער. האָבען דאָס אָבער נישט געקאָנט פערלייד‍ען די אַנהענגער פון ווינטער און ווילען אונז דעם פריהלינג נישט פערגינען.

אונטערגעהעצט דורך בייזע ווינטער-מענשען, וויל מען דעם יודישען פאָלק פערביטערן דאָס לעבען. עס האָבען זיך פעראייניגט די בייזע רוחות און געמיינזאַם פיהרען זיי אַ קאַמף געגען פאָלק ישראל, וואָס וועט אָבער מעהר נישט רעזיגנירען און וועט מיט אַלע זיינע יונגע כחות קעמפען פאַר'ן אמת'ן פריהלינג: דערווייל אָבער קומט פאָר אַ קאַמף, מען וויל אונזער לעבען מאַכען ווינטערדיג, מיר אָבער וועלען פיהרען אונזער עקשנות'דיגען קאַמף פאַר'ן אָנקום פון אונזער פריהלינג.

ביי אונז דאָ אויפ'ן אָרט קאָנען מיר זיך נישט בעריהמען מיט אַ מילדען פריהלינג, פונדעסטוועגען האָבען מיר זיך צופרידענגעשטעלט מיט אַט דעם איינגעשטעלטען ווינטער, כאָטש ער איז נישט געווען אַזוי ליבענסווירדיק פאַר אונז. קאָנען אָבער די אַנטיסעמיטען, וועלכע זענען שטאַרקע אָנהענגער פון אַ בייזען קאַלטען ווינטער אונז דאָס אויך נישט פערגינען און ווילען אויך אויף אונז אָניאָגען דעם חושך, די זאַווערוכעס, אָרגאַניזירען זיי אויף אונז אָנפאַלען, לאָזען אונז נישט לעבען, פיהרען אַדורך מעשה פּושיטיק, טעראָריזירען די יודישע בעפעלקערונג פון טרוסקאָלאַס, קלאָבוצק, קרשעפּיץ, פּושיסטאַין, אָטוואָצק נאָווע מיאַסטאָ און נאָך אין צעהנדליגער שטעדטלעך פון פּוילען.

פערגאַנגענע וואָך האָבען זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ קאָנפערענץ, וועלכע איז גערופען געוואָרען דורך דער „פריילאַנד"-בעוועגונג, און אין וועלכער ס'האָבען זיך בעטייליגט יונגע לייט פון די אויבענדערמאַנטע שטעדטלעך, זיך געהערט אַזעלכע בעריכטען: ווי באַלד עס קומט דער אָוונד ווערט פערשלאָסען טהיר און טויער, ווייל יעדער יוד, וואָס בעווייזט זיך אין גאַס, איז נישט זיכער מיט'ן לעבען. איהר פערשטעהט? אין אַ פריי לאַנד, וואו די קאָנסטיטוציע איז די מוטער פון אַלע איהרע קינדער, טאָרען זיך אַ טייל קינדער נישט בעווייזען אויף דער גאַס אַלס מורא מען זאָל זיי נישט דער'הרג'ענען.

אַט דאָס הייסט דער אמת'ער ווינטער. מענשען האָבען זיך מורא צו בעווייזען אין די בעשטימטע שעה'ן אין די גאַסען, כדי די בייזע שטורמדיגע זאַווערוכע זאָל זיי נישט מזיק זיין.

די היימישע אַנטיסעמיטען קעמפען שטאַרק פאַר'ן אַריינברענגען דעם ווינטער.

אויך אין אַנדערע לענדער זענען פערהאַנען בייזע ווילדע חיות אין מענשען-געשטאַלט, וועלכע ווילען נישט, אַז מיר יודען זאָלען אויך געניסען פון פריהלינג. וועגדען זיי אָן פערשידענע מיטלען, אַז פאַר זיי זאָל זיין פריהלינג און פאַר אונז ווינטער.

ס'איז אָבער מעהר ווי זיכער, אַז פונקט אַזוי ווי אין דער נאַטור העלפען נישט די אַלע בייזע כחות און ווען ס'קומט די צייט בעזיעגט דער פריהלינג דעם ווינטער, אַזוי וועט אויך אין לעבען פון מענשען. דער אמת'ער פריהלינג בעזיגען דעם ווינטער.

ווען וועט ער אָבער שוין קומען — אונזער פריהלינג?...

סמאַל.

יוסף שאַיאַ

דאס פּעוגאָסענע בלוט טאָר נישט רוהען

דער לעצטער בעוואָפענטער איבערפאַל פון אַראַבער אויף יודען אין ארץ־ישראל, אויף פרידליכע אונשולדיגע יודען, וואס האבען זיי קיין שום בייז נישט געטהון, די פיעל קרבנות פון הרוגים, שווער־פערוואונדעטע, בעלי־מומים, וואס זענען געפאַלען פון די מערדערישע הענד, די שווערע מאַ־טעריעלע פערלוסטען פון יודיש האָב און גוטס, וואס איז דורך פערווילדע־ווינטע אַראַבישע כוליגאַנעס אונטער־געצינדען און פערניכטעט געוואָרען— דאס אַלעס טאָר נישט זיין געוועזן אויף גאַרנישט, אָהן שום זין אָהן שום טעם, ווי א פּאָגראָם אין א גלות־שטעדטעל.

דאס פערגאָסענע יודישע בלוט אויפ'ן ארץ־ישראל־באָדען טאָר נישט זיין גע־וואָרען אומזיסט פערגאָסען, עס טאָר נישט איינגעזאַפּט ווערען אין דער ערד אָהן שום נוצען, אָהן שום צוועק.

דאס אונשולדיג פערגאָסענע בלוט מוז שרייען פון דער ערד אַרויס, די גסיסה־קרעכצען פון די אונשולדיגע קרבנות מוזען בלייבען הענגען אין דער לופט און זיין א וואָרנונג, א התראה אויף דער געפאַהר, וואס דראָהט אונז ווייטער פון א ווילדען אויסברוך פון אונטערגעהעצטע בעסטיעס, עס מוז זיין א וואָרנונג, דאס מיר טאָרען נישט אויף איין מאָמענט מסיח־דעת זיין נאָר שטענדיג שטאַרק אין זינען האבען און זיין צוגעגרייט על כל צרה שלא תבוא.

מיר מוזען זיך אנגורטען נישט בלויז מיט אייזערנעם געדולד, אייזערנע נערווען, צו זיין ווירדיג, אויסגעהאַל־טען און זיך נישט פערלירען, אָבער אויך מיט אייזערנע מוסקולען.

נאָך וועניג די ווירטשאַפטליכע און גייסטיגע הכשרה—מיליטערישע הכשרה מוזען בעקומען אונזער יוגענד. פער־פאַלען, אונזער גורל איז שוין אַזעל־כער, אונזער היסטאָרישער וועג איז קיינמאל נישט געוועזן אויסגעפּלאַס־טערט מיט קיין רויזען; אפילו ביים צווייטען בית־מקדש, ווען כורש דער מלך פון פערסיען האט יודען צוריק אָבגעגעבען ארץ־ישראל, זענען אויך אויסגעוואַקסען שונאים, וואס האבען אונז געשטערט, נישט קענענדיג אונז דאס פערגינען, און געמאַכט בעוואָ־פענטע איבערפאַלען. די דאַמאָלסדיגע בונים האבען אויך געמוזט זיך בע־שיצען מיט דער הילף פון פיילבויגען און שווערד און „באחת ידו עושה במלאכה ואחת מחזקת השלח"—מיט איין האנד האבען זיי געבוים און מיט דער צווייטער האבען זיי געהאַט גרייט די שווערד און פיילבויגען אין האנד.

געוויס מיינען מיר נישט צו בענוצען ווילדע קראַפט און ברוטאַלען געוואַלד—אונזער עראָבערונגס־וועג איז א פרידלי־כער דורך שווייס און ארבייט, דורך אריינברענגען אויפלעבונג און וואויל־שטאנד פאַר אלע בירגער פון לאַנד אָהן אונטערשיד פון גלויבען. אונזער מאָראַל איז: „לא בכוח כי אם ברוח" נישט מיט ברוטאַלער קראַפט, נאָר מיט גייסט, מיט קולטור, מיר מוזען אָבער זיין גרייט, ווי יעקב אבינו— „לדורון ולתפלה ולמלחמה".

דאס פערגאָסענע אומשולדיגע בלוט זאָל אויך אונז שטענדיג דערמאָנען, דאס מיר האבען שווער געזינדיגט גע־גען יודישען אויפבוי, און אין יאַנועניש נאָך פּיאָסטער'ס, האבען מיר פערנאַכ־לעסיגט אזוי א וויכטיג שוץ־געביעט, ווי עס איז פּאָליציי; די פיעל צעהנ־דליגער יודישע יונגעלייט האבען פער־לאָזען דאס פּאָליציי־דיענסט צוליעב עטליכע פּיאַסטער'ס, אזוי אז יודישע פּאָליציאַנטען זענען געבליבען סך־הכל 13 פּראָצענט אין בעצוג צו דער צאהל נישט־יודען, און איצט, בעת די אונ־רוהען, האט מען ערשט געקאָנט זע־העז, וואס ס'בעדייט א יודישער פּאָ־ליציאַנט און וואס אַנ'אַראַבישער;

דאס מיר האבען פערוואָהרלאָזט אויך דאס פייערלעשער־געביעט און עס אי־בערגעלאָזט פאַר אַראַבער, וועלכע האבען אַנשטאָט צו לעשען מיט וואַ־סער, געגאָסען מיט נאַפט;

דאס מיר האבען שווער געזינדיגט געגען יודישען ישוב און צוליעב עט־ליכע פּיאָסטער'ס האבען מיר זיך בע־נוצט מיט פרעמדער ארבייט, אַזש מיט אראַבער פון חורן, וועלכע זענען א דאַנק דעם אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל אין די פיעל טויזענדער. איצט האט זיך דאס שרעקליך נוקם געוועזן און די זעלבע חורן'ער זענען געוועזן די, וואס האבען מיט קוילען און באַג־נעטען אכזריות'דיג ערמאָרדעט יודישע טאַטעס און מענער, לאַנד־בעזיצער און אינדוסטריעלער.

דאס יודישע פערגאָסענע בלוט זאָל נישט רוהען און אונז כסדר וועקען צו מעשים, צו פערשטאַרקען צעהן פאַכיג אונזער אָפּפערוויליגקייט פאַר'ן קרן־קימת און פאַר'ן קרן־היסוד, ערמוטיגען אונזער אַנשטרענגונג אריינצודרינגען וואס מעהר און וואס טיעפער און וואס שנעלער אין לאַנד אריין, צו פערנעמען פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע און ווערען א מעכטיגער אונגעבראָכענער כוח, וואס זאָל קענען ביישטיין אלע מיגים אַנ־גריפען און איבערפאַלען.

דאס פערגאָסענע אומשולדיגע יודישע בלוט זאָל ענדליך זיין א סימבאָל, אַנ'אָרט „קשתי ששמתי בענן", ווי די בעציהונג אונזערע דאַרף זיין צום אַראַבער, די בעציהונג פון „כבדהו וחשדהו" די בעציהונג דאַרף זיין, ווי צו א מענש, און דער צושרוי—ווי צו א ווילדע חיה...

אדוו. לייב אַש

אַנ'אינטערעסאַנט ווערק וועגען אַנטיסעמיטיזם.

(ריכאַרד קודענהאָווי־קאַלערגי — יודענהאַס פון היינט)

IV

אין די ווייטערע קאַפּיטלען בעהאַנ־דעלט דער מחבר דעם מהות פון דער יודען־פראַגע און קומט צום אויספיהר: די יודען־פראַגע איז אַ מינדערהייטס־פראַגע, די יודען ווערען אלס מינדער־הייט אונטערדריקט דורך די הערשענ־דע מעהרהייט, אזוי איז דאס געזעץ פון דער נאַטור.

די יודען־פראַגע קען ווערען געלעזט נאָר דאַן, ווען די יודען וועלען אויפ־הערען צו זיין אַ מינדערהייט און צו דעם פיהר'ען: פון איין זייט דער ציוניזם אין זיין ריינער אדער טעריטאָריאַליס־טישער פאָרם – פאַר די מזרח־אייראָ־פּעאישע יודען, פון דער צווייטער זייט די אַסימילאַציע – פאַר די מערב־און צפון־אייראָפּעאישע יודען. –

מיר געבען ווייטער א רייהע פער־קירצטע אויסצוגען פון ווערק.

יודען אלס מינדערהייט.

די יודענפראַגע איז אין גרונד גע־נומען אַ מ י נ ד ע ר ה יי ט ס־פ ר אַ ג ע.

ווי מיר זאָלען נישט בעטראַכטען די יודען, צי אַלס ר ע ל י ג י אָ נ ס־ג ע מ יי נ ש אַ פ ט, צי אלס פ אָ ל ק, צי אַלס ר אַ ס ע, צי אַלס ק אַ ס ט ע, איבעראַל זענען די יודען אַ מינדער־הייט און איבעראַל אין דער וועלט ווערען מינדערהייטען אונטערדריקט דורך די מעהרהייטען.

אין אַלטערטום האט מען די יודען געהאַסט און גע'רודפט, ווייל זיי זענען געוועזען אַ מ אַ נ אָ ט ע אי ס ט י ש ע מ י נ ד ע ר ה יי ט געגענאיבער אַ פּאָליטעאיסטישע מעהרהייט; ווייל זיי זענען געוועזען די איינציגע מינדער־הייט, וועלכע האט זיך אָבגעזאָגט צו פערעהרען די רוימישע געטער.

אין די ערשטע צייטען פון קריס־טענטום זענען אויך די קריסטען געווע־זען פערפאָלגט, ביז זיי זענען געוואָ־רען א מעהרהייט. אָבער די יודען־פערפאָלגונגען דויערן ביז היינט, ווייל די יודען זענען פערבליבען אַ מינדער־הייט.

וואָלט די יודישע אמונה בעהערשט די רוימישע מלוכה, און די קריסטליכע געבליבען אין דער מינדערהייט, דאַן וואָלטען די קריסטען אין די ווייטערע יאהרהונדערטער געוואָרען די קרבנות פון רדיפות און פּאָגראָמען. — — —

* * *

די פערפאָלגונג פון די מינדערהייט דורך דער מעהרהייט איז נישט בלויז אַ פּאָליטישע ערשיינונג; דאס איז אַלגע־מיין־מענשליך. און נישט בלויז אַלגע־מיין מענשליך; דאס זעהט מען אויך אין דער וועלט פון חיות. דאס איז איינער פון די אויסדרוקען פון קאַמף פאַר'ן דאַזיין. דאס איז דער קאמף גע־גען די מינדערהייט, וועלכע א י ז אַ נ ד ע ר ש, ווי די מעהרהייט. — —

עס איז אָהן ספק, דאס די יודען בילדען אין אייראָפּא אַ מינדערהייט. דעסגלייכען איז אָהן ספק, דאס ד י ד אַ ז י ג ע מ י נ ד ע ר ה יי ט ג ע־ה ע ר צ ו ד י ח ש ו ב'ס ט ע צ ו וויי־ג ע ן פ ו ן ד ע ר מ ע נ ש ה יי ט. דורך צוויי טויזענד יאהר מערטירערי האבען די יודען זיך אויפגעהויבען צו זייער היינטיגער הויך. אויסגעשלאָסען אין מיטעלאַלטער פון די מייסטען בע־רופען, לעבענדיג דאן אין זעהר בע־שווערטע בעדינגונגען, האבען זיי גע־מוזט זייער גייסט בעדייטענד שטאַר־קען און ענטוויקלען, בכדי די עקזיס־טענץ צו רעטען. נ אָ ר ד י ט י כ־ט י ג ס ט ע ה אָ ב ע ן ג ע ק ע נ ט ז י ך ד ע ר ה אַ ל ט ע ן און וויי־ט ע ר פ ו נ אַ נ ד ע ר וו אַ ק ס ע ן. די ווילענס שוואכע און פחדנים האבען זיך ביים שיין פון שייטערהויפענס און אונ־טער דער דראָהונג פון אינקוויזיציע־עניים געטויפט און אָבגעריסען פון דער יודישער געמיינשאַפט.

ווער עס גלויבט דערין, דאס כאראַק־טער - אייגענשאַפטען געהען איבער בירושה, מוז בעטראַכטען די יודען ווי אַ ספּעציעל ווערטפולע צווייג פון דער מענשהייט. א צווייג, וואס איז געוואָ־רען געשטאַרקט דורך ל יי ד ע ן און געלייטעוי'ט דורך ד ע נ ק ע ן, ווייל אין דער צייט, ווען די ערשטע אייראָ־פּעער האבען קוים אויפגעהערט צו זיין אנאלפאבעטען, האבען די יודען שוין זייט טויזענדער יאהרען געלעזען, גע־שריבען און זיך פערנומען מיט גייסטי־גע פּראָבלעמען.

אויב מ'זאָל די גרויסקייט פון אַ פאָלק מעסטען לויט דער צאהל פון זיינע הערפאָרראַגענדסטע און בעדיי־טענדסטע מענער, דאן ש ט ע ה ט ד אַ ס י ו ד י ש ע פ אָ ל ק אויפ'ן ע ר ש ט ע ן אָ ר ט. בעוויז – די פערהעלטניסמעסיג גרויסע צאהל יודי־שע נ אָ ב ע ל־פּ ר י ע ז־ט ר ע ג ע ר.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

די בעזונדערע טראַגיק פון יודישען מינדערהייטס גורל בעשטעהט אין דעם, דאס די יודען זענען אַ מ י נ ד ע ר־ה יי ט א ה ן ה י נ ט ע ר ד ע ק ו נ ג. ווייל כמעט אלע נאַציאָנאַלע מינדער־הייטען בעזיצען ערגיץ ברידער אין אַנ'אייגענער מלוכה, וועלכע איז בע־רייט אין א נויט־פאל צו קומען צו־הילף. כמעט אלע רעליגיעזע מינדער־הייטען ווייסען, דאס אויף יענער זייט גרעניץ געפונען זיך מלוכות, אין וועל־כע די געגעבענע רעליגיע רעפּרעזענ־טירט די מעהרהייט פון דער בעפעלקע־רונג און אין פאל פון רעליגיעזע רדי־פות געגען די דאזיגע מינדערהייטען וועלען זיך געפונען פערטיידיגער.

די יודען פעהלט די דאזיגע נאַציאָ־נאַלע אָדער רעליגיעזע אונטערשטיצונג. זיי זענען אַ מ י נ ד ע ר ה יי ט אין ד ע ר ג אַ נ צ ע ר וו ע ל ט. דער דאזיגער אומשטאַנד גיט צו דעם יודי־שען גורל אַ בעזונדערע טראַגיק; אבער גלייכצייטיג ווייזט ער אָן דעם וועג צו דער לעזונג פון דער יודענפראַגע.

ציוניזם.

ד י י ו ד ע ן מ ו ז ע ן א ו י פ־ה ע ר ע ן צ ו ז יי ן א מ י נ ד ע ר־ה יי ט.

צ ו ד ע ם צ י ע ל פ י ה ר ע ן צ וו יי ר אַ ד י ק אַ ל ע וו ע ג ע ן: צ י ו נ י ז ם א ו ן אַ ס י מ י ל אַ־צ י ע. — — — — — — —

* * *

די קאָנסעקוועטסטע תשובה אויפ'ן אנטיסעמיטיזם איז ד ע ר צ י ו נ י ז ם.

ער בעטראכט דעם אנטיסעמיטיזם ווי א רעאלע ערשיינונג און וויל מא־כען דעם גורל פון יודען אונאָבהענגיג פון גוטען ווילען פון די נישט־יודען. ער וויל דעם גורל פון יודישען פאָלק נעהמען אליין אין די האנד און גע־שטאלטען איהם דורך א היסטאָרישען טהאַט.

אנשטאט צו פערדיגען די נישט־יו־דען מאָראַל, שכל און מענשליכקייט, וויל ער ליבער בעוואָסערן מדבריות און טרוקענען זומפען. ער וויל אַנ'איי־גענע מלוכה שאַפען, בכדי צו ווערען א מאכט. ער וויל די יודען, וועלכע ווילען זיך נישט לאָזען בויגען דורך אונטערדריקונג, בעליידיגונגען און רדיפות מצד די אנטיסעמיטען, פער־זיכערן אַנ'אייגענע היים.

צו דעם דאָזיגען צוועק שטרעבט דער ציוניזם מיט א אונגעהויערען אויסדויער און גראַדליניגקייט. און דאס, וואס דער ציוניזם האט געלייסטעט צום אויפבוי פון ארץ ישראל, פער־דיענט די בעוואונדערונג פון דער גאנצער וועלט. — — — — — —

אָבער טראָץ דעם אַלעם איז די צוקונפט פון דער דאָזיגער שאַפונג שווער פאָראויסצוזעהען.

* * *

די אידעע פון ציוניזם איז ריכטיג און קאָנסעקווענט, אָבער דער אויס־וואָהל פון ארץ ישראל פאָר די יודישע היים איז געוועזען מעהר דיקטירט דורך ראָמאַנטיק, ווי דורך שכל.

ארץ ישראל איז צוליעב טטראַטעגי־שע סבות שווער צו שיצען געגען אַנ'־אנגריף. דער פּ אַ נ אַ ר אַ ב י ש ע ר געדאַנק האַלט אין איין וואַקסען און ער וועט גוטוויליג נישט פערציכטען אויפ'ן דאַזיגען לאַנד און אויף די שטאדט ירושלים, וועלכע איז הייליג פאָר די מחמד'נער. עס דראָהט א צו־זאמענשטויס צווישען ציוניסטי-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

וועגען וואס מען טאָר נישט שריי־בען...

א סך מאָל טרעפט, או כ'שרייב אָן אַנ'אַרטיקעל און דער רעדאַקטאָר פּסל'ט עס אוועק. וועגען דעם—זאגט ער—טאָר מען נישט שרייבען, כאָטש, אמת, דו ביזט גערעכט, נאר גלייכער איז דעם דאָזיגען ענין צו פערשוויגען.

אָממעהרסטען טרעפט דאס בעת איך קריטיקיר די יודישע פאָניענקעס, וועל־כע מאַלפּעווען נאָך און ווילען זיך נישט צופּאַסען צו דער לאַגע פון יו־דישען צבור. מיך פערדריסט דאס זעהר, און אזוי ווי כ'קאָן זיי נישט דערפּאַר אויספּאַטשען, בעגנוגען איך זיך דערמיט, וואס איך שרייב עס אָן אויפ'ן פּאַפּיר, או ס'זאָל זיין למען ידעו—מיין רעדאַקטאָר אָבער זאָגט, אז מען דאַרף נישט צופיעל רייצען, איברי־געגס קען מען נישט דיקטירען וואו די פריילינס זאָלען מאָכען זייערע איינקויפען...

לאין ברירה מוז איך זיך אונטער־וואָרפען דעם בעשלוס פון מיין רע־דאַקטאָר און געגען מיין ווילען רעזיג־ניר איך, איצט אָבער וויל איך פּרו־בירען צו שרייבען וועגען אזא עהנ־ליכען ענין, וועלכער האט שוין נישט קיין שייכות מיט אונזערע פּאָניענקעס. אפשר וועט עס מיין רעדאַקטאָר דאָך אדורכלאָזען.

אין דער אַלטע 30 האט זיך נישט לאַנג צוריק געעפענט א קאָלאָניאַל־געשעפט פון קאווע קאַקאַא, טהע, וואס געהער צו א געוויסען יוליוש מיינל. אין דער דאָזיגער פירמע איז געוועזן אָנגעשטעלט א יודישער קראָוואניק א געוויסער טאָבאַק פון קאָטאָוויץ. האט דאס געשטאָכען אין די אויגען פון אונזערע היימישע ענדעקעס, וועלכע האבען געטהון א פעולה און דער סוף איז געווען, אז מען האט דעם יודישען קראָוואניק בעזייטיגט און דאס גע־שעפט איז איבערגעגאנגען צו א גע־וויסע קאראָלינא זיידער. באַלד האט זי ארויסגעהאָנגען א גרויסע שילד מיט דער בעקאנטמאכונג, או דאס דאָזיגע געשעפט געהער צו אָ ריין־קאטוילישער פירמע, נאָר נאָך 2 טאָג צייט האבען די אייגענטימער זיך איבערצייגט, אז זיי וועלען מיט דער נייער רעקלאָמע קיין ריוח נישט מאכען, האבען זיי אויסגעמעקט דעם אויסדרוק: „ריין קאָטוילישׂ", און האבען איבערגעלאָזט נישט מעהר, ווי די פירמע פשוטו כמשמעו.

איך וואָלט אייך ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט געקאָנט דערצעה־לען וועגען א גאנצע רייהע פאַק־טען, ווי אזוי מען בעמיהט זיך פון אלע זייטען צו אונטערדריקען 3 און א האלבען מיליאן פוילישע בירגער גאָר דערפאָר ווייל זיי זענען יודען. נאָר ווידער דאט זעלבע: איך האָב מורא פאָר מיין רעדאקטאָר, וועלכער האַלט פון דער שיטה, אז נישט וועגען אַלעם מעג מען שרייבען...

בריעף פון ארץ ישראל.

אין משך פון די לעצטע טעג איז אָנגעקומען א רייהע בריעף פון טשענ־סטאכאווער לאַגדסלייט אין ארץ־ישראל צו זייערע עלטערן אין טשענסטאכאוו.

צווישען זיי איז געווען איין בריעף, אין וועלכען ס'ווערט דערמאַנט, אז מען זאָל איהם מיר ווייזען, אפשר וועל איך קאָנען דערפון מאַכען מאַ־טעריאַל פאַר אונזער צייטונג.

איך האָב אדורכגעלעזען דעם דאַ־זיגען בריעף און האָב איינגעפינען, אז אבדרוקען איהם קאָן מען נישט, ווייל די ידיעות פון ארץ־ישראל, וואס גע־פינען זיך אין די צייטונגען, דערצעה־לען מעהר ווי דער בריעף. פערהאַנען אָבער אין דעם דאָזיגען בריעף אַזעל־כעס, וואס מען קאָן צוליעב פערשי־דענע טעמים אין קיין צייטונג נישט שרייבען. עס פיהלט זיך ארויס, אז די יודען אין ארץ ישראל האבען דעם בעוואוסטזיין, אז אויב עמיצער טהוט דיר שלעכטס, דאַרפסטו נישט ענטלוי־פען זיך בעהאַלטען, נאָר פערקעהרט, דו דאַרפסט יענעם שלאָגען. דאַן איז כאראַקטעריסטיש, ווי אזוי עס ווערען געשילדערט די סאלאניקער יודען, וועל־כע ווילען נקמה נעמען אין די אַראַ־בישע מערדער, וועלכע האבען ער־מאָרדעט זייערס א לאַנדסמאַן. אויך די איבריגע יונגע יודען, וועלכע זע־נען ערשט נישט לאַנג ארויס פון גלות, האבען מיט דער ארץ ישראל לופט איינגעזאַפּט אין זיך דעם מוט, דעם שטאָלץ פון די אַמאָליגע גבורים, פון די מכבי'ער, וועלכע לאָזען זיך נישט בעליידיגען.

אונזערע יודען, וועלכע האבען זיך אין משך פון יאהרען צוגעפּאַסט צו דער דאָזיגער גלות'דיגער פחדנות'דיגער מורא, ווען מען שלאגט יודען, טאָ אויב מען ענטלויפט נישט זיך בעהאַל־טען, איז וועגען צוריק שלאָגען, ווער שמועסט וועגען אנגרייפען—נישטאָ קיין רייד, אָט די זעלבע יודען אין ארץ ישראל פיהלען זיך ווי פרייע בירגער, וגעלכע רעאַגירען אויף עוולות ווירדיג און מוטיג.

א נייע עפּאָכע, א נייע לעבען געהט אויף ארץ ישראל. אמת, דער האָרי־זאָנט איז נאָך פערדונקעלט, כמארעס שווימען נאָך ארום אין אונזער לעבען, עס פיהלט זיך אָבער ארויס, אז דאָרט ווערט געשאַפען א נייע יודענטום, וועל־כעס בעפרייט זיך איינציגווייז פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע און אז דאָרט ענט־שטעהט א געזונד, נאָרמאַל פאָלק.

„עמך".

דאָס איינע וואָרט האט אַ גרויסע בעדייטונג, ווייל אונטער'ן אויסדרוק „עמך" מיינט מען די האָנדווערקער, וועלכע שפּיעלען אין יודישען לעבען א בעדייטענדע אנגעזעהענע ראָלע.

די וואָך איז פאָרגעקומען די יעהר־ליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער היגער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע, איז ווען מען זאָל איבערגעבען אלע איינ־דרוקען פון אזאַ פערזאַמלונג, וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבען אַ גאַנץ בלאַט, ווייל אזוי רייך, ווי עס איז אַזאַ האַנדווערקער - פערזאַמלונג איז נישט קיין אַנדערע אינסטיטוציע ביי אונז אין שטאדט. היות אָבער ווי נישט אַלעס קען מען פערצייכנען, וועט מען זיך בעגניגענען בלויז מיט עטלי־כע געצעהלטע איינדרוקען.

קודם כל מוז פערצייכענט ווערען, אז די איצטיגע פערזאמלונג האט זיך אנגעהויבען מיט אַ פייערליכע צערע־מאָניע. דער פערדינסטפולער האַנד־ווערקער־טהוער אברהם דזיאלאָווסקי האט, ווי בעוואוסט, בעקומען א אויס־צייכנונג פון דער מאכט פאר זיין לאַנגיעהריגער פּרוכטבארער אַרבייט ביי די האַנדווערקער. די דאזיגע אויס־צייכנונג האט איהם איבערגעגעבען דער פּרעזעס פון דער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע דר. גייסלער. דאן האט דער זעלבער דזיאלאָווסקי אָנגעטהון אַ גאָלדענעם זשעטאָן דעם פּרעזעס ד"ר גייסלער פאַר זיין 20־יעהריגער האַנד־ווערקער־אַרבייט אין דער היגער אָרגאַ־

שען און פאַנאַראַבישען געדאנק. ניין מיליאָן אַראַבער שליסען אַרום דאס דאָזיגע לאנד, וועלכעס איז אויך אין דער מעה־הייט בעזעצט דורך אראבער.

צווייטענס איז ארץ־ישראל צו קליין, בכדי עס זאָל קענען אין פאל פון א קאַטאַסטראָפע אויפנעהמען אפילו בלויז די יודען פון מזרח אייראָפא.

דעריבער זוכען די יודען, וועלכע זענען בעזאָרגט מיט'ן גורל פון יודישען פאָלק, א צ ו ו י י ט ל אַ נ ד, וועלכעס זאָל מעהר ענטשפרעכען די יודישע בעדערפנישען, ווי ציון. א לאנד, וואס זאָל געבען פלאַץ מיליאָנען יודען און אין וועלכען די יודען זאָלען קענען אָהן שוועריגקייט בילדען די מערהייט פון דער בעפעלקערונג. — —

* * *

אַסימילאַציע.

די לעזונג פון דער יודען־פראגע פאַר די 7 מיליאָנען מ ז ר ח ־ א יי ר אָ־ פ ע א י ש ע י ו ד ע ן, וועלכע האַלטען זיך פעסט ביי זייערע נאציאָנאלע און רעליגיעזע אייגענטימליכקייטען, וועט וואַהרשיינליך זיין צ י ו נ י ז ם אין זיין ריינער אָדער טעריטאָריאַליסטישער פאָרם. פאַר די מ ע ר ב ־ א ו ן צ פ ו ן ־ א יי ר אָ פ ע א י ש ע י ו ד ע ן איז די לעזונג פון דער יודען־פראגע מעגליך נאָר דורך אַ ס י מ י ל אַ צ י ע.

אין די אייראָפעאישע לענדער אויף מערב, צפון און דרום פון דייטשלאנד און עסטרייך לעבען ביז דריי־פירטעל מיליאָן יודען צווישען א בעפעלקערונג פון צוויי הונדערט מיליאָנען נישט־יודען. די מייסטען יודען אין די דאָזיגע לענדער זענען ש ט אַ ר ק אַ ס י מ י ל י ר ט. זיי האבען די זעלבע מוטער־שפראַך, ווי די נישט־יודישע מיטבירגער, די זעלבע מנהגים, ערציהונג, אויפפאַסונג פון מאָראַלישע און געזעלשאַפטליכע פראגען.

אין פראַנקרייך פיהלען זיי זיך ווי פראנצויזישע פאַטריאָטען, אין ענגלאנד ווי ענגלישע, אין איטאליען ווי איטאליענישע, אין האָלאַנד ווי האָלענדישע. זיי פיהלען זיך שטאַרקער פערבונדען מיט זייערע נישט־יודישע מיטבירגער ווי מיט די נאציאָנאלע יודען פון פוילען אָדער ארץ־ישראל. אויך דורך די מיטבירגער ווערען זיי בעטראכט און בעהאנדעלט ווי לאנדסלייט, טראָץ די אנטיסעמיטישע פאָראורטיילען פון וועלכע קיין פאָלק אין אייראָפא איז נישט פריי.

די דאָזיגע יודען האבען אין קיין פאַל נישט בדעה צו פערלאָזען זייער היים פאַר די ציוניסטישע אידעע. זיי האבען אויך נישט קיין חשק צו בעקענען זיך צום יודישען פאָלק. די גרעסטע טייל פון זיי בעציהט זיך צום ציוניזם מיט אונצוטרוי. אָבער די דאָזיגע בעציהונג צום ציוניזם איז נישט געשעכט; עס ליגט אין אינטערעס פון גאנצען וועלט־יודענטום, אז דאס פראָבלעם פון מזרח־יודען זאָל געפונען א בעפרידיגענדע לעזונג.

* * *

צו אַסימילאציע גענוגט נישט בלויז דער ווילען פון יודען; עס דאַרף אין דער ארומגעבונג הערשען ר ע ל י ג י ע ז ע ט אָ ל ע ר אַ נ ץ און אַכטונג פאַר מ ע נ ש ע ן ־ ר ע כ ט. אין מערב־און אין צפון־אייראָפא הערשען די דאָזיגע פרינציפען. אויב אפילו אין די דאָזיגע לענדער פערשטארקט זיך דער אנטיסעמיטיזם צוליעב דער נאַציאָנאל־סאָציאַליסטישער פראָפאגאנדע, האט עס נאָר א פאָראיבערגעהענדע בעדייטונג— — — — — — —

* * *

ד יי ט ש ל א נ ד וואַרפט אב סיי דעם ציוניזם, סיי אסימילאציע. עס איז ארויף אויף א דריטען וועג: צוריקצושטופען די יודען אין ג ע ט אָ.

די יודען אין דייטשלאנד האבען אויפגעהערט צו זיין גלייכבערעכטיגטע בירגער; זיי ווערען גערודערט ווי א נידריגע קאַסטע אין די גרעניצען פון דער מלוכה. זייער זיכערהייט איז בעדראהט, זייער ווירטשאפטליכע עקזיסטענץ בעשווערט, א רייהע בערופען — פאַר זיי געשלאָסען, טיילווייז אויך די העכערע בילדונג פון די קינדער.

גלייכצייטיג ווערט געגען יודען געפיהרט אַן'אונאויפהערליכע העצע: עס ווערט פאָרגעוואָרפען, דאס זיי געהערען צו א מינדערווערטיגער ראַסע, אָרגאניזירען א קאָמוניסטישע וועלט־פערשווערונג, האבען ארויסגערופען די וועלט מלחמה און געבראַכט צו דער מפלה פון דייטשלאנד. און די יודען ווערען בעליידיגט, בעשפיגען, באַיקאָטירט, אונטערדריקט.

אבער אַזאַ לאגע קען לאנג נישט דויערן און אויך אין דייטשלאַנד קען די לעזונג פון דער יודען־פראגע קומען אויסשליסליך אָ ד ע ר ד ו ר ך צ י ו נ י ז ם א ד ע ר ד ו ר ך אַ ס י מ י ל א צ י ע. — — — — — — —

* * *

די י ו ד ע נ פ ר א ג ע א י ז אַ מ ע נ ש ה יי ט ס ־ פ ר אַ ג ע. די יודענפראגע איז ענג פערבינדען מיט דער גרויסער פראגע פון טאָלעראנץ, מענשען־רעכט, אינדיווידואליזם. ווען די דאזיגע פרינציפען וועלען זיגען, וועט דער אנטיסעמיטיזם אבשטארבען.

ד ע ר אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם וו ע ט פ א ל ע ן, וו יי ל ז י ע ג ע ן מ ו ז ד ע ר א מ ת. (סוף).

ניזאַציע, וואו ער פארנעמט דעם אמט אלס פרעזעס. די צוויי לייט האבען זיך צוקושט אויף דער טריבונע און דער עולם האט הייס אַפּלאָדירט.

ווייטער איז אויך צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער היגער האנדווערקער־אָרגאַניזאַציע אָבגעגעבען געוואָרען אין בעריכט, אז אין דער קאַסע איז דאָ אַן'עודף פון איבער 400 זל. אַלעמאָל האט מען געשטורמט, אַז ס'דראָהט אַן'עקסמיסיע, און היינט אין די ערגסטע קריטישע יאהרען, האָבען זיי נאך איבעריג געלד, און אַזוי ווי דאס איז דער אויסשליסליכער פערדיענסט פון דניאל דזיאַלאָוויטש, האט דער דאָזיגער ענערגישער טהוער אויך בעקומען א זשעטאָן און דער עולם האט ווידער אַפּלאָדירט. ערשט שפּעטער, ווען ס'האבען זיך אָנגעהויבען די דיסקוסיעס אַרום דעם אָבגעגעבענעם בעריכט, האבען זיך דערהערט די געוועהנליכע טענער, וואס מען איז געוואוינט צו הערען אויף די אַלגעמיינע פערזאמלונגען ביי די האַנדווערקער.

די דיסקוסיע האט זיך געדרעהט אַרום דריי הויפּט־פראַגען: א) מצות, ב) דער שטרייק פון די מאגאזינערס, און ג) פאָלקס־פראַנט. דער עולם האט געהאט תרעומות, הלמאי די בעקער, וועלכע זענען אַ בעשטאַנד־טייל פון דער האנדווערקער־אָרגאַניזאציע, האָבען בעשטימט אַזאַ הויכען פרייז אויף מצות, וואס האט בעלאסטעט די אָרימע האַנדווערקער. אַ פאָרשטעהער פון די בעקער האט אפילו געוואָלט פערטיידיגען, נאָר ער האט קיין ערפאָלג נישט געהאט, און די מאטע האט געשטורמט און פעראורטיילט די מצה־בעקער.

די כאַלופניקעס האבען געטאָדעלט די האנדווערקער־פערוואלטונג, באשר זי האט נישט ווי געהעריג רעאגירט אויפ'ן פאָרגעקומענעם מאגאזין שניידער שטרייק. ס'האבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האבען פערטיידיגט די פערוואלטונג און עס האט זיך ווי עס איז איינגעשטעלט. און טאקע ביי דער דאָזיגער פראַגע איז אויפגעשווימען דאס קאפיטעל וועגען — פאָלקס־פראָנט.

איינער פון די כאַלופניקעס האט, וועלענדיג בעווייזען, אַז אַלע האַנדווערקער געהען צוזאמען, זיי געבראַכט אַ ביישפיעל פון פאָלקס־פראַנט...

יאָ, נאך וועגען א וויכטיגע פראגע האט מען גערעדט און טאקי בעשלאָסען: עס איז אָנגענומען געוואָרען אַן'איינשטימיגע רעזאָלוציע, אַז די האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע טרעט צו צו בויען אַן'אייגען הויז, וואס דאַרף פערטיג ווערען אין 1937־טען יאהר.

וואס, איהר לאַכט? לאַכט זיך געזונדערהייט. איך, הערענדיג דעם דאָזיגען בעשלוס, האָב אויך געפּרובט צו שמייכלען, נאָר זיי האבען מיר פערזיכערט, אַז דאס איז נישט קיין געלעכטער, נאָר עס וועט בקרוב ווערען א פאַקט.

זענט איהר דאך אוודאי נייגעריג, וואס דער סוף איז געוואָרען פון דער אַלגעמיינער פערזאמלונג? גאָרנישט, אַזוי ווי אַלע מאָל. די פערזאמלונג האט טאקי געדויערט ביז שפּעט אין דער נאכט, מען האט דיסקוטירט, געשריגען, קריטיקירט א. א. וו. א. א. וו. נאָר בעת'ן וועהלען, האט זיך אַרויסגעוויזען, אז ס'איז געבליבען ביים אַלטען — די זעלבע פערוואלטונג פון פריהער.

מיר קומט אויס צו זיין אַנוועזענד אויף צעהנדליגער אַלגעמיינע פערזאמלונגען, נאָר אין ערגיץ הער איך זיך נישט אַזוי צו צו די אַלע דיסקוסיעס און אין ערגיץ איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי ביי זיי, ביי די האַנדווערקער, ביים „עמך".

לויתן.

אברהם פויגעל

די פוילישע אַפּריל־קאָנסטיטוציע.

III. דער מלוכה־פרעזידענט

1.

אין שפּיץ פון א מלוכה, אַלס איהר פערזאָניפיצירונג און סימבאָל פון איהר איינהייט, אַלס פערקערפערונג פון איהר פרעסטיזש און כבוד און אַלס איהר רעפּרעזענטאנט — שטעהט געוועהנליך איין מענש: אַ מ אַ נ אַ ר ך אָדער אַ פ ר ע ז י ד ע נ ט.

פאַר דער וועלט־קריעג איז דער גרעסטער טייל אייראָפּא געווען מאָנאַרכיזירט; קוים פראַנקרייך און די שווייץ האבען די קרוין נישט געקענט. די גרויזאַמע מלחמה האט אבער אַ סך טראָהנען אומגעקעהרט און אפילו מיט בלוט בעפלעקט. און כאַראַקטעריסטיש איז דער היינטיגער זאַך־בעשטאַנד: פון אייראָפּעאישען קאָנטינענט זענען די קעניגען כמעט אַלע אַראָבגעווישט געוואָרען, דאַגעגען האבען זיי זיך קאָנצענטרירט אין די אינזלען און האַלב־אינזלען. אפנים, אַז די מאָנאַרכיע האט אַ געוויסע קרובה'שאַפט מיט דער עלעקטריציטעט, וועלכע זאַמעלט זיך אונטער אַ דרוק הויפּטזעכליך אין די שפּיצען...

דער פּרינציפּיעלער אונטערשיעד צווישען מאָנאַרכיע — און פּרעזידיאַלסיסטעם בעשטעהט דערין, וואס דער מלך רעגירט דינאַסטיש־מעסיג, אַ דור נאך אַ דור, אָדער על־כל־פּנים — לעבענסלענגליך (צ. ב. אין פּערצייטישען פוילען) דאַגעגען דער פּרעזידענט רעגירט נור במשך אַ געוויסער קאַדענץ, נאָך וועלכער ער טרעט אָב און עס קומען פאַר פרישע וואַהלען. אין פוילען למשל דויערט זי — 7 יאָהר. פערשטענדליך, אַז דאס שליסט נישט אויס, דאס נאכ'ן אָבלויף פון דער קאַדענץ זאָל די בעטרעפענדע פּערזאָן נאָכאַמאָל געוועהלט ווערען (אַזוי איז טאַקע געשעהען אין פוילען מיט'ן יעצטיגען מלוכה־פּרעזידענט, פּראָפ. מאָשטשיצקי), כאָטש עס זענען אויך פערהאַנען קאָנסטיטוציעס, ווי די טשעכאָסלאָוואַקישע, וועלכע דערלויבען דאס נישט.

מען דאַרף אבער דאס שלעכט נישט פערשטעהן. דער בעגריף „מאָנאַרכיע" בעדייט נישט עפּ'ס אַ סטאַבילע, איינהייטליכע סומע פון קאָמפּעטענצען. דער טיטול, קעניג צי קיסר זאָגט גאָר נישט וועגען דער מאַכט, וועלכע די בעטרעפענדע פּערזאָן בעזיצט. דער אין מאַרסעיל ערמאָרדעטער, יוגאָסלאַווישער קעניג, אַלעקסאַנדער האט אין זיין האַנד קאָנצענטרירט אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט; דאַגעגען דער גרייז־גראָהער שוועדישער קעניג, גוסטאַוו, מוז אויף דער עלטער טעניס שפּיעלען, ווייל... אַלס הערשער האט ער כמעט נישט וואָס צו טהון...

דער אונטערשיעד איז נאך בולט'ער ביי די פּרעזידענטען. דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען האט אין זיין לאַנד אַ גרעסערע מאַכט, ווי וועלכער עס איז אייראָפּעאישער מלוכה־הויפּט — אויסער היטלער: ער איז גלייכצייטיג פּרעזידענט און פּרעמיער־מיניסטער; אַלע בעאַמטע, נישט אויסשליסענדיג די מיניסטאָרען, זענען אונטערגעוואָרפען זיינע בעפעהלען; דער קאָנגרעס האט אויף זיין טעטיגקייט קיין שום איינפלוס נישט, דאַגעגען איז ער בכח אויפצוהאַלטען יעדען געזעץ־פּראָיעקט. גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך פאַר די מאַכט פון פוילישען פּרעזידענט, לויט דער מערץ־קאָנסטיטוציע, וועלכע איז געווען נור אַן'אילוזאָרישע; פאָרמעל האט ער פערמאָגט געוויסע, גאַנץ וויכטיגע פונקציעס; פאַקטיש האט זיי אָבער אויסגעפיהרט די רעגירונג און אונדירעקט — דער סיים; זיין ראָל האט זיך אַזוי אַרום בעגרעניצט נור כמעט צו רעפּרעזענטירען די מלוכה כלפּי־חוץ.

אין דער פוילישער מלוכה־אָרדנונג האבען די פונקציעס פון מלוכה־פּרעזידענט פערברייטערט שוין די אויסבעסערונגען צו דער מערץ קאָנסטיטוציע פון 2־טען אויגוסט 1926, אַ פּאָר חדשים נאָך דער מאַי־איבערקעהרעניש. דער פּרעזידענט האט געקריגען דאָרט די רעכט אויפצולעזען דעם פּאַרלאַמענט פאַר'ן אָבלויף פון זיין קאַדענץ, ווי אויך — ארויסצוגעבען פעראָרדנונגען מיט דער קראַפט פון א געזעץ. אויף א הויכער שטופע האט זיין ראָל אויפגעהויבען — די אַפּריל ־ קאָנסטיטוציע.

דאס נייע פוילישע קאָנסטיטוציאָנעלע געזעץ טיילט איין אַלע רעכט פון מלוכה־פּרעזידענט אין צוויי גרופּען: 1) רעגיר־אַקטען און 2) פּרעראָגאַטיווען. די ערשטע פיהרט דער פּרעזידענט אויס, אַזוי ווי ביז יעצט, ביי דער מיטהילף פון דער רעגירונג, וואס דרוקט זיך אויס אין פערלאַנג פון דער קאָנסטיטוציע, דאס יעדער אַקט פון דעם מין מוז אונטערגעשריבען ווערען— אַ חוץ פון פּרעזידענט — אויך פון פּרעמיער און פון בעטרעפענדען מיניסטער. פאַקטיש וועט דאַ די רעגירונג שטענדיג זיין דער הויפּט בעל־דעה, ווייל דער פּרעזידענט וועט טראַדיציע־מעסיג אַליין נישט זיין דער פאָרשלאַגגעבער; און זעלטען וועט ער זיך אַקעגענשטעלען דער עגזיסטירענדער רעגירונג, דען דאס וואָלט געמוזט נאָך זיך נאָכציהען איהר דימיסיע (אַזאַ זעלטענער פאַל איז געשעהען מיט הינדערבורג'ן, וועלכער האט אַלס פּרעזידענט נישט איינגעשטימט מיט דער ברינינג־רעגירונג, צווינגענדיג זי דאָדורך צו דימיסיע...)

די צווייטע גרופּע איז אַן'אָריגינעלע אינאָוואַציע פון דער נייער פוילישער קאָנסטיטוציע. עס ווערען דאָ איבערגעגעבען אַ רייהע רעכט צו דער פ ע ר־ ז ע נ ל י כ ע ר דיספּאָזיציע פון פּרעזידענט, וועלכער פיהרט זיי אויס גענצליך ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג. די מאָדערנע אייראָפּעאישע הערשער זענען פאַר זייערע מעשים נישט פעראַנטוואָרטליך, און דעריבער קענען זיי אָהן זייערע פעראַנטוואָרטליכע מיניסטאָרען קיין שום אַקט נישט אַרויסגעבען. אויף דעם שטאַנדפּונקט האט זיך אויך געשטעלט די פוילישע מערץ־קאָנסטיטוציע, כאָטש לויט איהר איז דער מלוכה־פּרעזידענט געווען פאַר מאַנכע זיינע מעשים פעראַנטוואָרטליך. אַ להיפוך'דיגע שטעלונג האט אָנגענומען די אַפּריל־קאָנסטיטוציע: זי שאַפט כמעט גענצליך אָב זיין פעראַנטוואָרטליכקייט און גיט איהם פון דער אַנדערער זייט איבער אַ רייהע פּערזענליכע רעכט. די שטעלונג פון פוילישען הערשער, אין פערגלייך מיט אַנדערע אייראָפּעאישע, איז אויף אַזאַ אופן אַ גאַנץ אַנגעזעהענע.

2.

די הויפּט־ראָל פון מלוכה־פּרעזידענט אין דער היינטיגער מלוכה־אָרדנונג בעשטעהט, לויט'ן אַרט. 11, אין „האַרמאָניזירען די טעטיגקייטען פון די העכסטע מלוכה־אָרגאַנען". ער איז אַלזאָ בערופען אַרויסצוטרעטען אַקטיוו הויפּטזעכליך דאַמאַלס, ווען די דאָזיגע אָרגאַנען האבען צווישען זיך אַ סכסוך.

אַמאָפטסטען וועלען אַזעלכע סכסוכים ענטשטעהען צווישען דעם פּאַרלאַמענט און דער רעגירונג, צוליעב דעם, וואס זייערע קאָמפּעטענצען קרייצען זיך. אין פאַל פון אַ קאָנפליקט האט דער פּרעזידענט יעצט די פולע ברירה: אָבצורופען די רעגירונג אָדער אויפצולעזען דעם פּאַרלאַמענט. די דעציזיע אין דעם פאַל איז נור פון איהם אָבהענגיג, דען ביידע דאָזיגע רעכט געהערען צו זיינע פּרעראָגאַטיוועס.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די ראָל פון פּרעזידענט בעגרעניצט זיך נור אויפ'ן אָבסערווירען פון זיין הויכען אָלימפּ אַראָב די אונטערליגענדע אָרגאַנען, צי די אידילישע צווישען זיי האט זיך נור אַמאָל נישט צושטערט, און אַז אין צייט פון שלום פערהאַלט ער זיך גענצליך פּאַסיוו און זיין אַקטיוויטעט איז געלעהמט. להיפוך, דער מלוכה־פּרעזידענט איז אינגעריר יעצט־עכ"פּ פאָרמעל—אין אַלע געביעטען פון עפענטליכען לעבען.

אַזוי בעאיינפלוסט ער דעצידירענד דעם פּערזענליכען צוזאמענשטעל פון דער רעגירונג. ער נאָמינירט נעמליך פ ר יי דעם פּרעמיער, און אויף זיין פאָרשלאַג—אַלע אַנדערע מיניסטאָרען. דער מלוכה־פּרעזידענט פערמאָגט צווישען זיינע פ ר ע ר אָ ג אַ ט י וו ע ן דאס רעכט צו יעדער צייט אָבצורופען דעם פּרעמיער; די איבריגע מיניסטאָרען רופט ער אָב נור אויפ'ן פאָרשלאַג פון דעם לעצטען. און דעריבער איז סטיליסטיש נישט גענוי פאָרמולירט דער אַרט. 28, וועלכער לויטעט: „דער פּרעזעס פון מיניסטאָרען־ראַט און די מ י נ י ס ט אָ ר ע ן זענען פּאָליטיש פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן מלוכה־פּרעזידענט און קענען דורך איהם צו יעדער צייט אָבגערופען ווערען". ווי מיר האָבען געזעהען, איז די פעראַנטוואָרטליכקייט פון פּרעמיער און מיניסטאָרען—אַ פערשידענאַרטיגע, וואס פערטושט דאס אויבענגעבראַכטע אַרטיקעל.

בעמערקענסווערט איז אויך, אַז צו דער ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע ר קאָמפּעטענץ פון מלוכה־פּרעזידענט געהער נישט בלויז דאס אָבּרופען דעם פּרעמיער, נאָר אויך דאס רעכט צו פערקלאָגען יעדען מיניסטער פאַר'ן שטאַטס־טריבונאַל, אויב ער האט מיט זיין טעטיגקייט עובר געווען אויף אַ געזעץ, אַ זאַך וועלכער האט ביז יעצט געהערט אויסשליסליך צום סיים.

די הסכמה פון מלוכה־פּרעזידענט פערלאַנגט נישט בלויז דאס בעשטימען מיניסטאָרען, נור אויך דאס נאָמינירען די העכסטע 4 קאַטעגאָריעס בעאַמטע (דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר, וואָיעוואָדע א. ד. גל.) ווי אויך דאס בעזעצען די ריכטער־אַמטען, וואו זיינע רעכט זענען אָבער בעגרעניצט דאַדורך, וואס ער קען שוין נאָמינירטע ריכטער מעהר נישט אָבּרופען. די צושטימיגקייט פון מלוכה־פּרעזידענט אין די פאַלען איז אָבער נור אַ פאָרמעלע

אַ פאַקטישען דאַגעגען—און נישט בלויז אַ פאָרמעלען־איינפלוס האט דער פּרעזידענט אויפ'ן בעשטימען די פּערזאָן, וועלכע זאָל איהם נאָכפאָלגען אויפ'ן פּרעזידענטען־שטוהל; ער קען נעמליך ארויסרוקען איינעם פון צוויי קאַנדידאַטען אויפ'ן דאָזיגען אַמט. עס איז אַ וויכטיג רעכט פון מלוכה־הויפּט און ציעלט צו דערהאַלטען אַן'איינהייטליכע ליניע אויף דער דאָזיגער העכסטער מלוכה־שטעל.

וועגען די ברייטע רעכט פון פּרעזידענט אין דער געזעצגעבונג וועט נאָך אויסקומען צו רעדען אויף אַן'אַנדער אָרט. דאָ וויל איך נור בעמערקען, אַז ער קען א ו י פ'ן פ אָ ר־ ש ל אַ ג פ ו ן ד ע ר ר ע ג י ר ו נ ג ארויסגעבען דעקרעטען, גלייכבערעכטיגטע מיט פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצען; צ ו ז א מ ע ן מ י ט ד ע ר ר ע ג י־ ר ו נ ג האט ער דאס רעכט צוריקצושיקען יעדעס געזעץ, וועלכעס דער פּאַרלאַמענט האט אָנגענומען אויף אַ צווייטע בעטראַכטונג; ער פעראָרדענט צו פערעפענטליכען אַלעראַרט געזעצען אין „דזיענניק אוסטאַוו".

אַן'אונדירעקטען איינפלוס איבט דער פּרעזידענט אויס אויף דער געזעצגעבונג דורך זיין פּ ר ע ר אָ ג אַ ט י וו צו נאָמינירען אַ דריטעל פון דער אַלגעמיינער צאָהל סענאַטאָרען. אויסער דעם געהער צו זיינע קאָמפּעטענצען דאס צוזאמענרופען און שליסען די געוועהנליכע און אויסערגעוועהנליכע פּאַרלאַמענטאַרישע סעסיעס. אַ פּאַרלאַמענטס־זיצונג, וועלכע זאָל זיך צוזאַמענקומען ספּאָנטאַן, בלויז אויף דער איינלאַדונג פון די מאַרשאַלקעס אָהן דער ערלויבניש פון פּרעזידענט (און רעגירונג), קען נישט אָננעהמען קיין בעשלוסען, וועלכע זאָלען זיין פאַר אימיצען בינדענד. פון דעם פּרינציפּ זעהט די קאָנסטיטוציע פאַר נור איינצעלנע, מינדערוויכטיגע אויסנאַהמען.

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער - פערבאנד.

שבת-צו-נאכטס איז אין אייגענעם לאקאל (אלעע 12) פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד.

די פערזאמלונג עפענט דר. גייסלער. אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' ירמיהו לאנדוי, וועלכער פערבעט אלס בייזיצענדע די ה"ה: וואלענבערג, ש. קרויסקאפ און דארפגאנג; אלס סעק-רעטארען די ה"ה: א. וויענער און ראזענצווייג.

איידער מען טרעט צו צום טאג-ארד-נונג ווערען בעעהרט מיט אויפשטעהן די קדושים, וואס זענען געפאלען אין פאשיטיק, ארץ-ישראל, ווי אויך דאס אנדענקען פון פערשטארבענעם האנד-ווערקער-טהוער משה קאץ.

פרעזעס דר. גייסלער נעמט דאס ווארט און דערצעהלט, אז גראד היינט אינדערפריה איז אין לאקאל פון דער סטאראסטווע ביי דער אנוועזענהייט פון רעפערענט הובעוסקי, דר. גייסלער, ד. דזיאלאוויטש און סעקרעטאר וויענער בעשאנקען געווארען דורכ'ן וויצע-סטא-ראסטע ה' סטאשקא מיט א זשעטאן אונזער ח' אברהם דזיאלאווסקי פאר זיין 25-יעהריגער ארבייט לטובת די האנדווערקער-מאסען. דער ה' דזיאלאוו-סקי האט אויך בעקומען א דיפלאם אונ-טערגעשריבען דורכ'ן מיניסטעריום פאר האנדעל און מלאכה.

לאנג-דויערענדע אפלאדיסמענטען בע-גלייטען די דאזיגע רעדע.

ה' דזיאלאווסקי נעמט דאן דאס ווארט און דאנקט פאר די ווארימע אפלאדיס-מענטען און גלייכצייטיג ערקלערט ער, אז היות עס ווערט 20 יאהר ווי דער פרעזעס דר. גייסלער פערנעמט זיין אמט אין היגען האנדווערקער-פערבאנד, האט די פערוואלטונג בעשלאסען איהם צו בעעהרען מיט א גאלדענעם זשעטאן. ווידער א שטורם פון אפלאדיסמענטען פון גאנצען פערזאמעלטען עולם, וועלכע ווינשען דעם דר. גייסלער און דעם ה' דזיאלאווסקי לאנגע יאהרען פון פרוכט-בארער טעטיגקייט פאר די האנדווער-קער-מאסען.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' דזיאלאווסקי. דער בעריכט איז א קור-צער – ערקלערט דער בעריכט-געבער – נאר א גענויער, ווייל אין לעצטען יאהר האט די ארבייט געקלאפט אויף הונ-דערט פראצענט. אלע האנדווערקער-פארשטעהער, וועלכע זענען פערטרעטען אין פערשידענע אמטען, האבען ריכטיג און ערליך אויסגעפיהרט זייערע אויפ-גאבען. בעזונדערס פערדינט א גרויסען דאנק דער ה' דזיאלאוויטש, וועלכען ס'איז געלונגען אין משך פון לעצטען יאהר צו סאנירען די פינאנסען פון פעראיין, אזוי אז נישט קוקענדיג אויפ'ן שווערען קריזיס, וואס דער יודישער בעל-מלאכה לעבט איבער, איז נאך דא אנ'עודף אין דער קאסע. א דאנק דער פונקטליכקייט פון סעקרעטאריאט ווידער זענען ערלעדיגט געווארען אלע לויפענ-דע פראגען.

דאן גיבען אב בעריכטען: דר. גייס-לער – וועגען סקארב-ענינים. וועגען די האנדווערקער-קאמערן – די ה"ה ש. קאץ און ש. גאנשעראוויטש, וועלכע מאכען גלייכצייטיג אויפמערקזאם די מיטגלי-דער, אז זיי זאלען זיך בעמיהען וועגען בעקומען דיפלאמען און אויך אבהיטען דאס שליסען קאנטראקטען מיט די לערן-יונגלעך.

ה' ד. דזיאלאוויטש גיט איבער ווי אזוי עס האט אויסגעזעהען דער פינאנסיע-לער מצב מיט א יאהר צוריק. אויף יעדער פערוואלטונגס-זיצונג איז אויפ'ן טאג-ארדנונג געשטאנען די פראגע וועגען פינאנסען, ס'האט פיעל מאל גע-דראהט עקסמיסיע און נאר א דאנק דער ענערגישער ארבייט קאן מען יעצט דרייסט זאגען, אז די געלד-שוועריגקיי-טען זענען בעזייטיגט און ס'איז נאך דא געלד אין דער קאסע. דאן גיט דער רעדנער אב א בעריכט וועגען זיין טעטיגקייט אין דער ק.ק.א., וואו ס'זע-נען בעריקזיכטיגט געווארען אלע ביטעס וועגען הלוואות מצד די האנדווערקער. אין דער קהלה שטעהט די האנדווער-קער-פראקציע אויף דער וואך. דאס זעלבע איז מיט דער גמילת-חסדים-קאסע ביי דער קהלה, וואו אלע ביטעס וועגען הלוואות ווערען אין די ראהמען פון דער מעגליכקייט ערלעדיגט צום גינ-סטען פון די האנדווערקער.

צום סוף ווענדעט זיך ה' דזיאלא-וויטש צו די פערזאמעלטע, זיי זאלען ווי טרייע סאלדאטען שטעהן אויף דער וואך און ווייטער מיטהעלפען בויען די האנדווערקער-ארגאניזאציע. גלייכצייטיג אפעלירט ער צו די יעניגע, וועלכע וועלען אויסגעוועהלט ווערען אין דער פערוואלטונג, אז זיי זאלען נישט אננע-מען די אמטען צוליב כבוד, נאר ערנסט און טריי דינען די אינטערעסען פון די האנדווערקער-מאסען.

נאך דער רעדע פון ה' דזיאלאוויטש, רעדט דר. גייסלער וועגען די גרויסע פערדינסטען פון ה' דזיאלאוויטש פאר דער האנדווערקער - ארגאניזאציע און בעשענקט איהם מיט א גאלדענעם זשעטאן.

די פערזאמעלטע מאכען דעם ה' דזיאלאוויטש לאנג-דויערענדע אוואציעס.

דעם קאסע-בעריכט גיט אב סעק. מגר. ראזענצווייג. הכנסה איז געוועזן 7.308.42 זל., הוצאה – 6.863.12 זל., סאלדא אין דער קאסע – 445.30 זל.

ארום די בעריכטען ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע, אין וועלכער ס'נעמען אנ-טייל די ה"ה: פלאמענבוים, ר. שטייער, בולווע, ש. קאץ, מ. סטאווסקי, ה. פריי-ערמויער, הערמאן, דייטשמאן, היינפריד, לאנדוי און אנד. די דיסקוסיע האט זיך הויפטזעכליך געפיהרט ארום די ענינים פון דעם היי-יעהריגען מצות-אויסבאק, פון וועלכע ס'האבען געליטען די ארימע האנדווערקער-מאסען און אויך וועגען נישט לאנג פארגעקומענעם שטרייק פון די מאגאזין-שניידער.

נאך דער ענטפער-רעדע פון ה' דזיא-לאווסקי ווערט דער בעריכט איינשטי-מיג אנגענומען און עס ווערט אויסגע-דריקט צוטרוי דער אבטרעטענדער פערוואלטונג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 500 זל. א חודש ווערט איינשטימיג אנגענומען.

ה' דזיאלאווסקי רעפערירט וועגען אויפבויען אנ'אייגען הויז פאר דער האנדווערקער-ארגאניזאציע, ער שטעלט פאר דעם פלאן פון רעאליזירען דעם דאזיגען פראיעקט. נאך א קורצער דיס-קוסיע ווערט אין פרינציפ דער דאזיגער פארשלאג אנגענומען.

אין דער פערוואלטונג ווערען גע-וועהלט פאלגענדע פערזאנען: דר. גייס-לער, א. דזיאלאווסקי, ד. דזיאלאוויטש, י. גאלדבערג, ש. קאץ, ש. גראנעק, ה. פרייערמויער, מ. פייגענבלאט, ש. לוריע, מ. בלום און רפאל זיידמאן. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: אינזש. פשי-סוסקער, מ. איידעלמאן און א. גרין.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער באנק ספולדזיעלטשי, אלעע 7.

זונטאג איז אין לאקאל פון בעלי-בתים-פעראיין, אלעע 6 פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער באנק ספודזיעלטשי, אלעע 7.

די פערזאמלונג עפענט דער פרע-זעס פון ראט ה' סטאניסלאוו העלמאן. אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט דיר. אינזש. פשיסוסקער, אלס בייזי-צענדע די ה"ה: ש. גראנעק, מ. קא-פינסקי און י. מ. שטאם. סעקרעטאר ש. לעווענהאף.

נאכדעם ווי ס'ווערט אדורכגעלעזען דער פראטאקאל און בעשטעטיגט לעזט אדורך דעם בילאנס דיר. זאנד. דער אומזאץ בעטרעפט די סומע פון 23.369.156.34 זל.

דיר. זאגד לעזט אויך צוויי פראטא-קאלען פון רעוויזיאנס-פערבאנד, וועל-כע זאגען זיך ארויס מיט אנערקענונג פאר דער באנק.

דעם בעריכט פון דער פערוואלטונג גיט אב ה' גאלדשטיין.

דער ריינער ריוח מאכט אויס 6.453 26 זל.

לויט'ן פארשלאג פון דער פערוואל-טונג און ראט האט געזאלט דער ריוח ווערען צוטיילט אויף פאלגענדען אופן: 6.000 זל. אויפ'ן פאנד זאסאבאווע, 304 זל. פאר'ן שפיטאל און 150 זל. פאר דער גמילת-חסד-קאסע ביים קליינ-הענדלער-פעראיין. נאך א גרעסערע דיסקוסיע אין וועלכער ס'האבען אנטייל גענומען די ה"ה דר. גייסלער, פייגענ-בלאט, ווייס, ב. העלמאן, קעלטשיג-לאווסקי א. אנד. איז בעשלאסען גע-ווארען, אז די סומע פון 6.000 זל. זאל בעשטימט ווערען פאר'ן פאנד זאסאבאווי און די 453 זל. מיט 26 גר. פאר'ן שפיטאל.

די פערזאמלונג דריקט אויס דער פערוואלטונג און ראט ווי אויך דעם דירעקטאר מיט'ן פערסאנאל אבסאלו-טאריום.

דער בודזשעט ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רע-זולטאט: אין דער פערוואלטונג איז אויפסניי אויסגעוועהלט געווארען פרע-זעס ה' אימיך. אין ראט די ה"ה: דר. גייסלער, בענדעט בערקאוויטש און ב. שטיבעל.

דער עלטסטער היגער יוד אויף דער בעשולדיגונגס-באנק.

דאס שטאדטישע געריכט האט בע-טראכט דעם פראצעס פון ביכער-הענד-לער אברהם פישל זיידמאן (גאריבאלדי 20, געגענאיבער דער קאפעלושארניע), וואס איז גוט-בעקאנט דער גאנצער היגער בעפעלקערונג מיט'ן נאמען „פישל טשאפ", ביי וועלכען מ'האט גע-קענט קויפען און פערקויפען אלערליי שול-ביכלעך.

זיידמאן איז געווארען אנגעקלאגט פאר קויפען נישט-פארזיכטיג עטליכע ביכלעך, וואס שטאמען פון א גנבה. א 15-יעהריג יונגעל פון שטאדטישען ער-ציהונגס-אנשטאלט האט זיך געלערנט אויף די גימנאזיאלע ערגענצונגס-קורסען און ווען דער אנשטאלט האט אויפגע-הערט פאר איהם צאהלען און דאס יונגעל איז געוועזן געצווינגען איבערצו-רייסען די ווייטערדיגע שטודיען, האט די ליטונג פעסטגעשטעלט, אז ס'פעה-לען איהם עטליכע ביכלעך, וואס זענען געווארען געקויפט פאר שטאדטיש געלד. אין א געוויסער צייט שפעטער זענען די דאזיגע ביכער געפונען געווארען ביי זיידמאנ'ען.

אין רעזולטאט זענען ביידע געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באנק. זייד-מאנ'ען האט פערטיידיגט אדוו. יאאכים מארקאוויטש.

בעת דער געריכטס-פערהאנדלונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיידמאן איז דער עלטסטער טשענסטאכאווער איינוואוינער. אין דער מעטריקע איז אנגעגעבן דער 20 ליסטאפאד 1839 אלס זיין געבורטס-טאג. דער אנגעקלאגטער ערקלערט, אז ער איז עטליכע יאהר עלטער, ווייל ער איז אליין געגאנגען זיך איינמעלדען ערשט דאמאלס, ווען ער איז שוין אלט געווען 6 יאהר. מיט ביכער האנדעלט ער שוין 85 יאהר, ווען טשענסטאכאוו האט געצעהלט קוים 10 טויזענד איינ-וואוינער. יעצט האט ער שוין א שוואכע ראיה און ביים קויפען אדער פער-קויפען די ביכלעך אריענטירט ער זיך לויט דער וואג פון ביכעל, וואס די יוגענד נוצט אויס און פערקויפט איהם אפט אלטע ווערטלאזע ביכלעך, וועלכע ווערען שוין נישט בענוצט.

ריכטער קאסאווסקי האט בעת'ן אויס-הערען דעם אנגעקלאגטען ארויסגעוויזען דרך-ארץ פאר זיין טיעפען עלטער.

פערטיידיגער י. מארקאוויטש האט מאטיווירט די אונשולד פון זיין קליענט. „די שטראף-קארטע פון אזא מענש, וועלכער לעבט שוין העכער 100 יאהר איז ביז-איצט שניי-ווייס. זיידמאן איז במשך פון זיין גאנצען לעבען קיין איין מאל נישט געווען בעשטראפט, נישט דורך דער רוסישער און אויך נישט דורך דער פוילישער מאכט. אין נאמען פון מיין קליענט בעט איך דעריבער, אז ביים סוף פון זיין לעבען זאל מען איהם נישט פערשמוצען דעם בעסטען צייגניש פון זיין נישט-בעפלעקטען לעבען".

זיידמאן ווי אויך דער מינדעריעהרי-גער גנב זענען געווארען פרייגעשפרא-כען.

קלייניגקייטן.

א גוטער בייישפיעל.

מען שמועסט אפילו, אז יודען זע-נען רחמנים בני רחמנים, אז ביי יע-דע צרה שלא תבא רופען זיי זיך אן מיט זייער גוט הארץ און קומען צו הילף סיי מאטעריעל, סיי מאראליש. אין דער לעצטער צייט איז מען אין דער הינזיכט אפילו א ביסעל קאליע געווארען. ס'טרעפט אפט, א ביסעל שוין צו אפט, אז ווען מען קומט צו אנגעזעהענע בירגער נאך הילף, מאכען זיי זיך געפגר'ט, פונדעסטוועגען אבער קיין כלל איז עס נישט; פערהאנען נאך אויך איצט יודען ביי וועלכע עס איז נאך טיעף איינגעווארצעלט די דאזיגע שעהנע יודישע מדה.

ס'איז דא אין טשענסטאכאוו א יו-דישע פאבריק „וואולקאן", איז ווי באלד מען האט אנגעהויבען זאמלען פאר די פושיטיקער קרבנות און פאר די אומגליקליכע יודען אין טרוסקאלאס, קלאבוצק, פושיסטאין א. א. וו., הא-בען די אייגענטימער פון דער פאבריק מנדר געווען א שענע סומע אויף דעם צוועק. אויב דאס איז נאך ווייניג, הא-בען די ביורא-אנגעשטעלטע בעשלא-סען צו געבען א טאג ארבייט פאר'ן דאזיגען צוועק. כאראקטעריסטיש איז אז אפילו דער קריסטליכער מייסטער איז אויך נישט אויסגעמיטען געווארען און האט געמוזט זיי צושטייער געבען. און ווען דער לעצטער האט געמאכט א בעמערקונג, אז דאס געלד געהט דאך פאר אייערע ד"ה פאר יודען, הא-בען איהם די אנגעשטעלטע געענט-פערט: אמת, דאס געהט פאר די אונ-זעריגע, זיי זענען אבער געפאלען קרבנות צוליעב אייערע...

איך דערצעהל אייך דאס אקעגען דעם, אז אנדערע פאבריקאנטען און די אנגעשטעלטע זאלען נאכטהון דעם גו-טען בייישפיעל.

זיי וועלען זיך נישט קאנען אויס-קלויבען א חזן.

פאקטיש איז שוין אפיציעל דער חזנים-קאנקורס אין דער שטאדט-שול געשלאסען, נאר וועגען בעשטימען א חזן איז נאך צו פריה, מחמת עס הא-בען פרובירט אזוי פיעל חזנים, אז אונזערע יודען ווייסען נישט וועמען אויסצוקלויבען. האט דער חזן געוויסע מעלות, האט ער ווידער אויך חסרונות, ווארום א חזן מיט בלויז מעלות, וועט איהר בשום אופן נישט טרעפען, און טאמער איז יא פערהאנען אזא פענא-מען, גלויבט זיך גארנישט, אז ער זאל ווארטען ביז מען וועט איהם אנגאזשי-רען אין דער טשענסטאכאווער שטאדט-שוהל...

דעם לעצטען שבת איז דא צופעליג אהערגעקומען דער וולאטשאווער חזן. לכתחילה האבען די גבאים איהם צו-ליעב דעם, וואס דער קאנקורס האט זיך געענדיגט, נישט געוואלט צולאזען צום ברעטיל. נאר צוליעב געוויסע סי-בות האט ער דאך געדאווענט. האט ער אבער אזוי אויסגענומען, אז דער עולם איז איהם שוין גרייט צו אנגא-זשירען. אזוי אבער ווי ס'זענען פער-האנען נאך קאנדידאטען, מיט אנהענ-גער, וועט מען ווידער דארפען זיצען און בעשליסען. הכלל, לויט אונזער מיינונג איז געווען צופיעל חזנים אויפ'ן קאנקורס, מען האט די העלזער אלע-מען אויפגעריסען, אזוי אז כ'האב מורא דאס אונזערע שוהל-לייט וועלען זיך נישט קאנען אזוי שנעל אויסקלויבען א חזן.

סעם.

א וועה-געשריי פון די יודישע מארקשטעהער אויף זאוואדזיע

די קהלה-פערוואלטונג האט דערהאל-טען א מעמאריאל מיט עטליכע הונדערט אונטערשריפטען פון די יודישע מארק-שטעהער, וואס האבען זייערע סטרא-גאנעס אויף זאוואדזיע, אין וועלכען ס'ווערט אין שווארצע פארבען געמאהלט זייער יעצטיגע טרויעריגע לאגע. אין דאזיגען מעמאריאל ווערט געזאגט:

„זייט דאס איבערטראגען די מערק אויף זאוואדזיע פערערגערט זיך אונזער לאגע פון טאג צו טאג. פון אנהויב האבען מיר זיך גענארט מיט דער האפ-נונג, אז די בעפעלקערונג וועט זיך צוגעוואוינען צו די ניי-געשאפענע בע-דינגונגען און סוף כל-סוף וועלען די היגע איינוואוינער ארויסקומען אויפ'ן זאוואדזיער מארק.

ליידער אבער איז דער מצב געווא-רען אונבעשרייבליך טרויעריג. מיר לייזען נישט אויף די טאג-טעגליכע הצטרכות'ן. צוליב'ן קריזיס און שטאר-קען באיקאט, וואס ווערט געפיהרט אויפ'ן מארק, האט זיך דער פדיון אזוי פערערגערט, אז מיר זענען געצווינגען צו פערקויפען די לעצטע שטיקלעך סחורה, כדי צו האבען אויף ברויט.

מיר זענען נישט ביכולת פארצושטע-לען אונזער איצטיגען מצב. מיר ווילען נאר זאגען איינס, אז מיר זענען פער'-משפט אויף אונטערגאנג. אונזערע קינ-דער הונגערען און בוכשטעבליכען זין פון ווארט. מיר האבען דעם לאנגען ווינטער זיך אדורכגעמוטשעט אין קעלט, מיט דער האפנונג, או אויפ'ן פריהלינג וועט זיך די לאגע עטוואס בעסערען. צום בעדויער נעמט די באיקאט-אקציע אן אזא כאראקטער, אז מיר זענען פער-צווייפעלט. אונזער יאוש איז פולקאם בעגרינדעט. ביי די איצטיגע פערהעלט-נישען איז נישטא די קלענסטע האפנונג אויף א בעסערונג.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אייך, פארשטעהער פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, און מיר דערמאנען אייך, אז 300 יודישע פאמיליעס דראהט אונ-טערגאנג, אז 1500 יודישע נפשות דראהט דאס געפאהר צו בלייבען אהן א שטיקעל ברויט און אהן א דאך אי-בער'ן קאפ.

אויב איהר וועט נישט אונטערנעמען קיין שריט, וועלען מיר פאלען צו לאסט פון דער היגער בעפעלקערונג.

מיר פון אונזער זייט ערלויבען זיך ארויסצורוקען די ווייטערדיגע פארשלא-גען און נעמליך:

1) אונטערצונעמען שריט, כדי צו בויען א האלע אין צענטער-שטאדט. מיר פון אונזער זייט וועלען מיט אלע אונ-זערע כוחות בייהילפיג זיין און בע-שטייערען זיך צו דעם צוועק. מיר האלטען דעם פראיעקט פאר'ן איינציג רעאלען און ביי געוויסע אנשטרענגונגען רעאליזירבארען. מיר האלטען אויך, אז דער „צעקאבע" איןווארשא וועט מא-טעריעל מיטהעלפען, כדי אויפצובויען אזא האלע. אויך אנ'אויפקלערונגס-פער-זאמלונג פון היגע אנגעזעהענע בעלי-בתים, וואס דארף גערופען ווערען דורך דער קהלה-פערוואלטונג, קען דעם ענין געבען א שטויס פאראויס;

2) צו בעמיהען זיך ביי די היגע יודישע פאבריקאנטען, דאס די קינדער פון די מארקשטעהער און עווענטועל א טייל פון די מארקשטעהער גופא זאלען געפינען ארבייט אין די פאבריקען און ווארשטאטען, כדי מיר זאלען קענען אדורכהאלטען ביז צו דער פערווירקלי-כונג פון אויבערשטען פראיעקט.

געדענקט געעהרטע פארשטעהער, אז אויב איהר וועט נישט בעצייטענס אנ-נעמען געוויסע רעאלע שריט, וועלען בקרוב 1500 מענשען, ביז אהער ארביי-טענדע, מוזען אויסשטרעקען די הענד נאך שטיצע; געדענקט, אז אויב מען וועט אונז נישט ארויסהעלפען פון אונ-זער פערצווייפעלטער לאגע, וועט דאס גורם זיין, אז 1500 מענשען, וואס הא-בען זיך מפרנס געווען מיגיע כפם, וועלען מוזען אנקומען נאך קצבה און זייערע לעבענס וועלען פערקריפעלט ווערען".

אויסצייכנונג פון האנדעלס-מיניס-טעריום פאר'ן האנדווערקער-טהוער ה' אברהם דזיאלאווסקי.

דער לאנג-יעהריגער וויצע-פרעזעס פון דער היגער האנדווערקער-ארגאניזא-ציע און בעקאנטער געזעלשאפטליכער טהוער ה' אברהם דזיאלאווסקי האט פאר זיין 25 יעהריגער אונערמידליכער טעטיגקייט אויפ'ן האנדווערקער-געביעט בעקומען פון האנדעלס און אינדוסטריע מיניסטעריום א גרויסע אויסצייכנונג אין דער פארם פון א זשעטאן צוזאמען מיט א דיפלאם, אונטערגעשריבען דורכ'ן האנדעלס-מיניסטער געגעראל גורעצקי.

BILANS
Banku Spółdzielczego Przemysłowców i Kupców w Częstochowie
Bilans netto na dzień 31 grudnia 1935 r.

STAN CZYNNY

Kasa	39,022,12	
Bank Polski	74,030,46	
P. K. O.	29,050,25	
Koresp. Nostro -Banki	77,049,01	219,151,84
Papiery procentowe		4,220,—
Wal. zagr. dol. 90 á zł 5.50		495,—
Weksle zdyskont — portfel	41,4842,38	
„ „ u koresp.	43,196,23	
„ zredyskontowane	23,267,53	481,306,14
Pożyczki wekslowe — portfel	104,805,—	
„ „ u koresp.	5,000,—	109,805,—
Korespondenci Loro		132'435,40
Koresp. Loro — On Call		2,190,—
Sumy przechodnie		9,559,46
Należn. za koszty protestu Koszty zwrotne		800,30
Ruchomości	15,067,77	
Nieruchomość	215,748,06	230,815,83
Należności wątpliwe		1,739,87
Protesty dyskontowe		4,352,63
		1,196,871,47
Inkaso weksli i dokument. portfel	393,856,27	
Inkaso weksli i dokument. u koresp.	144,831,75	538,688,02
Depozyty		132,190,—
		1,867,749,49

STAN BIERNY

Kapitał udziałowy	97,223,99	
„ zasobowy	66,180,—	
„ specjalny	15,000,—	178,403,99
Fundusz Żelazny		20,315,04
Amortyzacja Ruchomości	9,976,76	
„ Nieruchomości	25,619,35	35,596,11
Wkłady	669,583,02	
Bieżący czekowy	134,747,97	804,330,99
Należn. w wal. zagr. dol. 90		495,—
Redyskonto		23,267,53
Wpływy za inkaso — Zob. ink.		62,643,66
Długi hipoteczne		7,594,58
Sumy przechodnie		26,448,01
Korespondenci Loro		12,603,71
Straty i Zyski		16,610,06
Procenty na r. nast. 1936		8,562,79
		1,196,871,47
Różni za Inkaso — weksle	482,689,33	
„ „ „ frachty	55,998,69	538,688,02
„ „ Depozyty	5,390,—	
M-sto Skarbu Delegat 3% Premj.		
Pożyczki Inwestycyjnej		
6% Pożyczka Narodowa	126,800,—	132,190,—
		1,867,749,49

Rachunek strat i zysków za 1935 r.

Spisane straty w 1935 r.		3,778,48
Koszty handlowe		65,003,45
Procenty zapłacone	41,843,68	
Prowizja zapłacona	17,137,88	58,981,56
3% amortyz. nieruchomości od zł. 215748,06	6,472,44	
10% amortyzacji ruchomości od zł. 15067,77	1,506,78	7,979,22
Czysty zysk: pozost. z 1934	967,49	
„ „ za 1935 r.	15,642,57	16,610,06
		152,352,77

Pozostałość z 1934 r.		967,49
Zwrot spisanych strat		396,87
Dochód z nieruchomości		4,215,19
Przeniesiono z rachunku Funduszu żelaznego na spisanie strat		3,778,48
Procenty pobrane	101,127,05	
Prowizja pobrana	41,867,69	142,994,74
		152,352,77

Prezes Zarządu MAURYCY NEUFELD
Vice-Prezes Zarządu JOACHIM WEKSLER
Członek Zarządu i Dyr. Banku STANISŁAW PRUSICKI

Buchalter: H. SZPERLING.

פון יודישען קאָמבאַטאַנטען-פעראיין

פערגאנגענעם שבת, דעם 25 פ. ח. 4 א זייגער נאכמיטאג איז אין לאָקאַל פון יודישען קאָמבאַטאַנטען-פעראיין פאָרגעקומען א רעפעראט א. ד. ט.: די פאַסירונגען אין ארץ-ישראל און זייער בעדייטונג פאַר'ן יודענטום, גע-האַלטען דורך דיר. ד"ר. פ. אָקסער.

דעם דאָזיגען אינטערעסאַנטען רע-פעראט האט אויסגעהערט א צאהלרייך פערזאמעלטער עולם.

נאָר 1 אויפטריט פון לאָדזער פילהאַרמאָניע-טעאַטער.

מאַכענדיג א טורנעע איבער זאַגלעמ-ביע וועט אדורכפאָהרענדיג געבען נאָר 1 פאָרשטעלונג זונטאג, דעם 3-טען מאַי אין פייערלעשער-זאַל דער אַנסאַמבל פון לאָדזער פילהאַרמאָניע-טעאַטער אין גאַנ-צען צוזאַמענשטעל. געשפילט וועט ווערען די זעהר-אויסגענומענע פיעסע „טויט-שטראָף" אין 3 אַקטען, 6 בילדער מיט געזאַנג פון סידניי.

די פיעסע „טויט-שטראָף" רייסט מיט דעם צושויער און איז רייך אין אינ-האַלט און שפּאַנונג.

נדבות פאַר דער געזעלשאַפט „תומכי עניים"

די פאמיליע קאַפּלאַן צו דער יאהר-צייט פון זייער פאטער, וועלכע פאלט אויס פסח שני 10 קילאָ ברויט.

ש. האנדעלסמאן 1 זל.

מ. פייגענבלאט 1 זל.

ליביש פרידריך ז"ל

אין עלטער פון 63 יאהר איז גע-שטאָרבען דער היגער אנגעזעהענער בעל הבית און סוחר לייביש פריד-ריך ז"ל.

דער נפטר האט געהאט זעהר גוטע מידות, וואס איז היינט א זעלטענהייט. שטענדיג מיט אַ שמייכעל אויף די לי-פען איז ער געווען אַ מזג טוב און אַ בעל צדקה, געגעבען מתן בסתר, גמי-לת חסד און בעזונדערס שטאַרק אונ-טערגעשטיצט די היגע ישיבה „כתר-תורה".

זיין פּלוצלינגער טויט האט אַרויסגע-רופען גרויס טרויער אין דער גאנצער שטאָדט, און עטליכע טויזענד מענשען האבען איהם מלוה געווען.

ביים אָפענעם קבר האבען מספיד געווען דעם פערשטאָרבענעם די ראשי-הישובה פון דער „כתר-תורה" א. אנד., וועלכע האבען אויסגערעכענט א סך פון זיינע שבחים.

ת נ צ ב ה.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די יודישע לעטניקעס אין אָסטראָווע (בלאַכאָווניע).

די אייגענטימער פון די וויללעס אין אָסטראָווע (בלאַכאָווניע) טיילען מיט, אַז אין צוזאַמענהאנג מיט'ן נאָהנטען זומער-סעזאָן איז די לעצטע טעג דאָרט פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון די קריסטליכע וויללע - בעזיצער, אויף וועלכער ס'זענען אויך אַנוועזענד געווען עטליכע יודישע וויללע-אייגענ-טימער און אין רעזולטאט איז בעשלאָסען געוואָרען אַנצונעהמען אלע מיטלען, אַז די רוהע אויף דער דאָזיגער זומער-וואוינונג זאָל קיינעם נישט געשטערט ווערען.

די וויללע-אייגענטימער פערזיכערן דעריבער, אַז ס'וועט נישט דערלאָזט ווערען צו קיין שום ארויסטרעטונגען געגען קיינעם פון די דאָזיגע לעטניקעס.

אין נאָמען פון די אָסטראָווער ווילל-אייגענטימער
דוד רייכער
ל. יאַקובאָוויטש.

וואָרנונג פון מאָלער=צעך

אויפ'ן סמך פון אינדוסטריע-געזעץ האט דאס טשענסטאכאווער סטאָ-ראָסטווא ארויסגעגעבען דעם 14 מערץ ה. י. א צירקולאָר אין וועלכען ס'ווע-רען געוואָרענט אלע היינ-בעזיצער און די דאָזיגע פערזאָנען, וועלכע רעמאָנ-טירען זייערע וואוינונגען, דאס זיי זאָלען די מאָלער-ארבייט נישט אָוועקגע-בען צו פערזאָנען, וועלכע בעזיצען נישט קיין האנדווערקער-קאָרטען.

אינ'ם דאָזיגען צירקולאָר ווערט צום סוף בעטאָנט, אז די דאָזיגע פער-זאָנען, וואס גיבען אָוועק זייער ארבייט צו אונלעגאלע האנדווערקער, ווי אויך די האנדווערקער, וואס בעזיצען נישט קיין האנדווערקער-קאַרטען, וועלען ווערען שטרענג בעשטראָפט.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט דעם ג. טשענסטאָכאָווער פובליקום, אַז דעם 25 אַפּריל האָב איך גענומען

אַנ'אָבטיילונג פון קינסטליכע מינעראַל-וואַסערן

אונטער דער אָנפיהרונג פון א קאָנצעסיאָנירטען פאָרמאַציע=מאַגיסטער און איך ארבייט אויס אַלערליי מינעראַל=וואַסערן: ווי ווישי, עמס, ווילדונגען, קאַרלסבאַדער, מאַריענבאַדער, פראַנץ=יאָזעף א. א. צו בעקומען אין די געוועלבער:

1-טע אַלעע 6 №: און אַלטער מאַרק 29 №:

ווי אויך אין די אַפּטייקען און אַפּטייק סקלאַדעס צו ביליגע פרייזען.

פאָדערט מינעראַל=וואַסערן פון דער פירמע „אורסוס".

„אורסוס" פאַבריק פון מינעראַל-וואַסערן.

בעקאַנטמאַכונג.

די אָכראָנקע פון דער געז. „דאָבראָטשינאָשטש" פּושעמיסלאָווא 6

מאַכט בעקאַנט, אַז מאָנטאַג, דעם 4, דינסטאג, דעם 5 און מיטוואָך, דעם 6 אַפּריל ד. י. פון 10 א זייגער פריה ביז האַלב 1 מיטאָג קומען פאַר איינ-שרייבונגען פון נייע קינדער אין עלטער פון 4 ביז 6 יאהר, ווי אויך פון די עלטערע קינדער, וועלכע האבען זיך שוין ביז איצט דאָרט געלערנט.

יעדעס קינד איז מחויב מיטצוברענגען א מעטריקע.

Z Komitetu Dłużników Towarzystwa Kredytowego w Częstochowie

W dniu 27.IV b. r. Delegacja Komitetu Dłużników Tow. Kred. miejskiego odbyła konferencję z Dyrekcją Częstochowskiego Tow. Kred. miejskiego w kwestji ulg dla zagrożonych licytacjami nieruchomości miejskich. W wyniku tej konferencji osiągnięto porozumienie. Ze względu na niejednolite zadłużenie odnośnych nieruchomości nieodzowne jest traktowanie indywidualne. W myśl wymienionej konferencji Komitet zawiadamia zainteresowanych, ażeby zainteresowani niezwłocznie zgłaszali się do Tow. Kred. Miejskiego, które udzieli im jaknajdalej idących ulg w zapłatach zaległych rat.

Pensjonat „LEŚNICZÓWKA"

w Ostrowach, st. Blachownia

איז שוין אָפען.

זוניגע צימערן מיט ווערענדעס. — עלעקטרישע בעלייכטונג. — מע-סיגע פרייזען. — אויף פערלאַנג מינעראַל, גאז און זונען-בעדער. — ערשטקלאַסיגע קיך. — אויפ'ן פערלאַנג דיעטישע שפייזען.

טעלעפאָן: טשענסטאָכאָווּ 16-10

AJENTÓW na Częstochowę i okolicę

poszukujemy do sprzedaży niezbędnych artykułów w każdem gospodarstwie domowem i na letniskach. Prowizja 200—400 złotych miesięcznie. Zgłoszenia pisemne i ustne kierować: „HUTA LUDWIKÓW", S. A.

Skład Fabryczny w Częstochowie, III Aleja 46.

Nowoczesny radioodbiornik „COLUMBUS"



3-lampowy z 4 prostownicą

niebywale selektywny — 3 zakresy fal

doskonały odbiór stacyj zamorskich

Ceny przystępne — Warunki najdogodniejsze

Stale bezpłatnie demonstrowany

TRIOKONG Zakłady Przemysłu Radjowego **GARIBALDIEGO 28.** Telefon 10-99.

Salon demonstracyjny: N. Teichner Aleja 14, tel. 17-91

פון בית-המדרש.

בכדי צו דערפיהרען צו אַ געהערי-גע אָרדנונג אין בית - המדרש, איז דורכ'ן ראבינאט, קהלה-פערוואלטונג און בית המדרש קאמיטעט, געשאפען געוואָרען א פערוואלטונג פון פאָלגענ-דע 4 פערזאָן: ה"ה מענדיל עפשטיין, איטשה בער ראָטבארד, צמח גאנשערא-ווימש און קלמן שטאהל.

Kino „LUNA"

מארטא עגערט

צוזאַמען מיט אַ גאַנצער רייה ערשט-קלאַסיגע אַרטיסטען אין דער הערליכער מוזיקאַלישער קאָמעדיע

Dziewczę z Budapesztu

איבער'ן פראָגראַם: וועלט אַקטואַליען.

שבת און זונטאג האַלב 1 מיטאָג

Zew krwi i Sequoia.

KINO „EDEN".

נייער פוילישער פילם!

Jego Wielka Miłość

ליבע! פעוראָט! חרטה!

אין די הויפט - ראָלען:

יאַראַטש, זשעליכאָווסקאַ, זניטש

א.א., ווי אויך די 7-יעהריגע לאָלאַ גורסקא

איבער'ן פראָגראַם: אַקטואַליען.

Kino „STYLOWY" Aleja 27.

די אונפערגלייכליכע

שירליי טעמפּל

טאנצט און זינגט אינ'ם פילם

„Złotowłosy brzdąc"

פאַר יוגענד — הנחות.

Redaktor i wydawca: B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6